STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00951

INM LAND FUN DI YENKIS

Mattes Deitch

Permanent preservation of this book was made possible by
Annette & Max Finger
in memory of
Shulamit & David Szer

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ א ר ל א ג

מאטעס דייטש

אינם לאנד פון די יענקים

(לידער און פאעמען)

1922 — 1935

פארלאג „בריקן"
שיקאגע

MATTES DEITSCH—IN YANKEE LAND
PUBLISHED BY VERLAG BRIKN
512 ADDISON BLVD.
CHICAGO, ILLINOIS

COPYRIGHT 1935 BY
MATTES DEITSCH, CHICAGO, ILL.
PRINTED IN U. S. A.

FIRESIDE PRINTING COMPANY
812 W. VAN BUREN STREET
CHICAGO, ILLINOIS

ל י ד ע ר א ו ן פ אָ ע מ ע ן
א י ן נ י י ן ט י י ל ן

אינם לאַנד פון די יענקים

פון דער דיכטער - וועלט

מ י ק י מ ו י ז

די אַלטע וועלט - דראמע

פונם צעפּיענעטן שטאָט - מויל

ע ק צ ע ה אָ מ אָ

דאָס געוויין פון מיינע פאַרפּיילטע נעגל

מענטש — גאָט דער אויוערבאָטל

טכינעס פון א דיכטער

דאָס דאָזיקע בוך זאָל דערמאָנען אין דער
רעוואָלוציאָנערער פערזענלאכקייט פון דער
אידישער ראדיקאַלער באַוועגונג אין שיקאַגע,
מיין כאַווער דעם פעדאגאָג און מוזיקער
אָ ש ע ר מ אַ נ ו ס אָ ו ו י ט ש.

עס פעלט בלויז די בכירע

(ווילאַנעל)

מיר וואוינען אין אַ לאַנד וואָס פאַרמאָגט אַלע פּראַכטן,
אַזש מיט פּאַרפיומען זאַלבט מען דאָ די אַסיגנאַציעס —
עס פעלט בלויז די בכירע פון טיפן זיך פאַרטראַכטן.

קומען פעסט וועט דער טאָג אויף וועלכן אַלע וואַרטן, —
אַלע וועלן אים פאַרשטיין אָן קיינע אינטערפּרעטאַציעס. —
מיר וואוינען אין אַ לאַנד וואָס פאַרמאָגט אַלע פּראַכטן.

ווי אין אַ שטורעם די אָנגעצויגענע פּלאַכטן
ציט דאָס לעבן זיך צו פּראָסטע אַסימילאַציעס —
עס פעלט בלויז די בכירע פון טיפן זיך פאַרטראַכטן.

דאָס העכסטע קוקט מען אָן דאָ ווי אַן אויסגעלאַכטן,
ווייל אַלץ שפּרינגט אום אין בלויזע דזשעזיקע גראַדאַציעס —
מיר וואוינען אין אַ לאַנד וואָס פאַרמאָגט אַלע פּראַכטן.

זאָל קיינעם אין לאַנד דאָ אויף אַ רעגע ניט דאַכטן,
אַז מ'קען אַלץ אָוועקמאַכן מיט פאַלשע נעגאַציעס —
עס פעלט בלויז די בכירע פון טיפן זיך פאַרטראַכטן.

ווי אַ פעלץ אין די הייסע זומער אויפדערנאַכטן —
איז איבעריק אַ סאַך סאָציאַלע אָפּעראַציעס . . .
מיר וואוינען אין אַ לאַנד וואָס פאַרמאָגט אַלע פּראַכטן —
עס פעלט בלויז די בכירע פון טיפן זיך פאַרטראַכטן.

איינער פונם דרויסנדיק וועלט-צימער

די זון פֿאַרגייט ווי אַן אויפגייענדיקע סרייפֿע.
עס יאָמערט דעם דרויסנוואוינער'ס געזיכט
ווי אַ יעזוס-געטשקעלע, דאָר און פֿאַרקרימט.
מע רעדט צו אים ערנסטע רייד ווי צו אַ רויפֿע
און ער, אין זיין קאָפּ, רעדט פֿאַר זיך — אומגעריכט.

פֿון די פּיאַטעס ביזן סאַמע שטערן איז ער
מיט פֿיבער פֿול ווי די צונג באַם טרינקער לאַט.
דער ווינט לייגט אַרויף אויף אים אַ האַנט —
גלעטנדיק קאַלט ווי פֿון אַ פֿאַרכאַלעשטן גאָט —
ער פֿלייסט זיך צו קילן אים דאָס צעגליטע פּאָנים.

ער וואוינט אינעם דרויסנדיק וועלט-צימער . . .
ס'איז פֿריי, ס'איז גראַם — ניטאָ קיין וואַנט!
ער איז אינעם רייכסטן לאַנד!
ער איז גאָרניט אַזוי אָרים!
אַזוי רעדט פֿאַר זיך — דער האַלוצינאַנט:

גיב מיר . . . גיב מיר . . . גיב!
אַ, איך וועל . . . העי, איך זאָל . . .
יאָ, איך וויל . . . כ'בין גרייט און פֿאַרטיק!
נאָר ווי גייט עס אַ מענטש אונטער ווי די זון,
ווען זעל וויל נאָך זיין כאָטש גוף איז — פֿאַטיג . . .

איצט דאַרף ער ליבע. איצט וויל ער גלויבן.
איצט וויל ער אַלצדינג וואָס עס קומט פֿון אויבן,
נאָר ניט דאָס וואָס עס גייט אים אָקעגן — די נידער.
ער רעדט צו זיך ווי ער וואָלט נאָרוואָס זיך דערקענט:
ווען איך קען מיין לעבן קערן צום אָנהויב ווידער...

איבער אים — בלויבלויטיקער הימל.
אונטער אים — שמאַטעס אַף אַ באַנק.
ער איז איינזאַם. גוואַלד אַזוי איינזאַם.
איצט רעדט זיין האַרץ וועגן טאָד — אָפּן.
צו מערדער און צו גאָט — מיט איין געפֿיל און איין פֿאַרלאַנג.

אַראָפּקראַצן די פּירערשאַפט —
די קרעציקע פּאַרענטש

1

אויב אין גאַנצער טיפקייט וועלט באַנעמען הייסט זיין — מענטש?
זאָלן די, וואָס שאַפן איבעראַל דעם קלאַסן־צאַר,
קריגן, אַז געוויסנמאַטער, באַלוינונג דערפאַר:
— איין בלוט־גאַס — אַ טאָג פאַר זיי — אַ פּאַטערלאַד געבענטש!

קריגן וועט דער לעצטער צאַר אַ טיקן אין דער וועלט,
מיט זוניקן אויפלייכט, אין אַ רעגע, אַ טריליאָן,
אַף שפּיגל פון לעצטן בלוט־גאַס — פליסיק ווערמיליאָן.
ריין זיין וועט יעדנס ליפּ פון האַס און בייזן שעלט.

איבער די אַלטע, אויפגעפּראַלטע צאַם און פּלויטן,
זיך שמרעקן וועט אַ ריינע, זיכערדיקע האַנט
און צינדן וועט זי אַלע פעסטנדיקע קויטן.
זיי בוידעק־שימל — פלאַם אונדזערם — פייער־מיליטאַנט!

פּראַל האָרב־לאַסט־וועלט אין העל, מענטש געהאַט האָט דיך גענוג!
אויב צו וויסן קלאָר דאָס לעבן אונדזערם הייסט זיין — קלוג.

2

אויב צו וויסן קלאָר דאָס לעבן אונדזערס הייסט זיין — קלוג ?
אַז צום דינסט פאַר „זיי” איז שטאַרק די האַנט
און גרעבער ווערט אַקעגן אונדז די וואַנט ?
ביז איך אַ דער וואָס זאָג, שטריינג, צו זיך אַליין — געטנוג !

כ'נעם אַז פאַר ליב וואָס קומען וועט מיר נאָר אַקעגן
און אויך אַף אַלע מיינע שטרויכלונגען און פּלאָגן,
ענטפערן ווי, גאָס זו, ביז אַנהויבן וועט טאָגן
און זען וועט זיך דער לויטערער פון אַלע וועגן.

אַ וועג וואָס יעדער פאָלק באַזונדער מוז באַטרעטן,
דורך אים — די לייטערונג צו הומאַנע באַגערן:
ניט האַלטן שוואַכערע אין פינצטערניש און קנעטן, —
פאַרוואַרלאָזן צום יאָד מיט שווייסיקסטן באַשווערן.

ביז די שאַ וועט קומען מיטן ברענענדיקן צוג,
איז פאַר מיר דאָס גאַנצע לעבן פּוסט — דערשעפּט גענוג.

איז פאַר מיר דאָס גאַנצע לעבן פּוסט — דערשעפּט גענוג.
איך קיי באַוואוסטזיניק די ערד סיי ווי סיי.
טראָג דעם נאָמען, פּלעביסיט, פּונקט ווי זיי געטריי.
העלף אָנהורבן מידבער־שטויב אין מאַרש פון שקלאַפנצוג.

מיר שפּרייטן זיך אויס אין אַלע וועלטלאַכע זייטן
און וואו עס דאַרף נאָר אָנקומען ערגעץ אַ געפאַר,
ווערט דאָס אָרט שוין אויסגעבעט מיט אונדזער לייב דערפאַר
דאָס מיסט פאַר יעדן כּאַלאַל זענען מיר — אַלע צייטן . . .

קאָמיש באַהעפט זיך דאָס עמעסע לעבן מיט אונדז,
ווידערהאָלט זיך אייביק ווי אַ צעפּרעגלטער שונד.
דריקט זיך פּודנווייז אַף אונדז — ניט ווינציקער אַ אונץ.
פון פּינקערטאָנ׳ס מייסעס אַ קאָפּירונג — סדאָם ביז גרונד.

אָ, לעבן מיינס! פאַרשעלטעניש! הייליקער געבענטש!
ביזט הויכקייט און טהאָם — אַ איינציק פּלאַמיקע פּאַרענטש.

4

ביזט הויכקייט און טהאם — א איינציק פלאמיקע פארענטש.
וואס קאן מען דען געווינען אין שוידערלאכן שפיל?
מיר, זיינען צו קנאפ פאראן. די רעשט — העלפט זייער ציל.
אונדזער פאלן — שטארקט פרעכער סוינעס האנט איבער מענטש.

מוז מען זיך איבערהויבן איבער אלע נויטן —
צעגליטע וואלקנס איבער א וואלדלאכן פייזאזש.
אנטפלעקן וועט זיך אונדז בוילעט דער קלאסן־קארנאזש
מיט אלע גרוילנד פאר אונדז שוין פארגרייטע טויטן.

דאמאלט, זיין וועט אונדז האריגע־דערלייזונג — בליאונג,
ווען איבערגיין וועט פראזע קאלטע אין הייסער טאט.
און שקיע אנזאגן וועט בלוטיק דאס שאריאונג,
אף א רויטן, ברייטצעקלעפטן שרייעדיק פלאקאט.

זאל קומען, זאל קומען דער טאג שוין — כ'בין אנגעבוריים.
מיט אייך, מיט אייך אויפגעוואכטע, שטענדיק בין איך גרייט. —

5

מיט אייך, מיט אייך אויפגעוואַכטע, שטענדיק בין איך גרייט. —
היפּנדיקע, שווינגענדיקע, געגאַרטע ברידער,
איבער פאַרזונלאַזטער גרויסשטאָט׳ס ערד דער מידער,
שנעלאויפגערעגטע — צעקלימפּטע רינגען פון אַ קייט.

שטאָטן מיט גרויסשטעט אָנגעפּעלצט אין מענטש ווי כמאַרעס,
באַזן — שוויינגער־געפּלאָץ. מיינערם גלוטיק געלעגער!
מיט דיין סאוט די פינצטערע וואָס „לינטשט" אירע נעגער,
אינאיינעם! אַראָפּשאָבן וועלן מיר אַלע פאַרהעם!

אַ גיבראַלטאַר פאַר דוירעס — „היימאַרקעט" צו ווייזן!
צעשאָסן לייב פון דזשאָו היל! מוני׳ס, ליטל׳ס — ווייען,
אַ, קלעמט שוין גיכער, ענגער איין די שמאָטן ווי אייזן!
עם וואויען וועלף אין אונדז: סאַקאָ־וואַנזעטי׳ס געשרייען!

געגנוג קוזשען אונדזער האס! זאָל אַ פלאַם טאָן גיך!
אַלע וועגן צו אייך בלויז געפירט האָבן מיך.

6

אַלע וועגן צו אײַך בלויז געפֿירט האָבן מיך.
קיין איינער האָט מיך ערגעץ אַנדערש ניט פֿאַרפֿירט.
ניסאָיען מיט דערקענטעניש געפּרופֿט — דערשפּירט
און אָפּגעשטויסן טײַקעף האָב איך אים פֿון זיך.

איצט, אַ דער וואָס זאָרגט פֿאַר אומשטערבלאַכע פּאָעטן,
זאָל שטראָפֿן מיך, זײַן אַכפּערדיקן קנעכט — קאַפּהאַסאַל
פֿאַר ניט־בייגעשטאַנענע זינד, דאָ און דאָרט, ביכלאַל,
פֿאַר נוצן „טרייפֿן" שטאָף וואָס פּאַסט ניט פֿאַר סאָנעטן . . .

זיך לײַטערן אין לעבן מוז יעדער סטיל סיי ווי.
מעג ער קומען גאַלאַנט, מיט אַ זשעסט אַף אונדזער וועלט
און רייצן אונדז, איבעריק איז פֿאַרט זײַן גאַנצע מי
ווען דער אָנגעשטרייגנגסטער וועג צום עמעס אין אים פֿעלט.

אָ, קום שוין גרויסטאָג, צו אונדז אַלע — גיכער גיך!
ניין־ניין, מענטש טאָר ניט מאַקריוו זײַן — בלויז זיך — פֿאַר זיך . . .

7

נייַן־נייַן, מענטש טאָר ניט מאַקריוו זיין — בלויז זיך — פאַר זיך.
ניט קאָשער איז אַזאַ מאַן וואָכעדיקע שכיטע,
וואו ליגן וועט מען מיך פּריציש אַף אַ מיטע.
מיט אייך, מיט אייך — אינם גרויסטאָג — טרעט איך אויף גיך.

נאָך זינגט דאָס בלוט אין מיר די איינגעזאַפּטע לידער
וואָס דרייצן יאָר געגערט מיך אַף שוואַרץ ערד רוסישער
גרייט צו זיין אין אירע נויטן. איצט, צו יענקישער
צאָלן מוז, וואָס געזאָלט מיינע רוסישע ברידער.

איצט קויען שוין אין מיר די יענקישע לידער:
וואָלט וויטמאַן און סאַנדבורג — צעקלינגען וויִט די גרויסן
וואָס וועקן די זין פון אַלוועלטלאַכע ברידער — —
שפּרייטן פאַר יענקים פון זעלבן ליכט וואָס די רוסן . . .

עס איז פאַר יעדן אין וועלט זיין טאָט אָנגעגרייט.
זאָל קומען, זאָל קומען דער טאָג שוין — כ'בין אָנגעברייט. —

8

זאָל קומען, זאָל קומען דער טאָג שוין — כ׳בין אָנגעברייט. —
אויסשיילן וועל איך זיך פון אַלע זיבן הויטן.
בין געלייטערט — אַ געפּרופטער דורך אַלע טויטן
אַלוועלטלאַך צאַר זיין זריע אין מיין בלוט האָט פאַרזייט.

שטיל ליגט נאָך איצט פלאַך פון ערד — אונטן, די וואולקאַנען,
רייסן זיך צום שפּיי קעגן די אויבערשטע הויכן
און יאַמען מיט וואַסערן פון זיי וועלן ווייכן, —
צעפלאַמטע צאַמען זשליאָקען וועלן שוועבל־קאַנען.

זשאַנגלירן וועט באָדן — אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק!
דער אויפגעקנאַלטער פייער פרייען גלייך וועט אַלע!
שפּרייטן, פרייהייט, וועט אונזער יענקישע פּראָליפיק —
פאַרטונקלען — פאָטער לינקאָלנ׳ס גייסט־אָרעאַלע.

בלויז אין אונדזער האַנט דעם גוירל — גרויסטאָג וועט געשיין!
נאָר ניט קומען קען קיינמאָל אַזאַ מין טאָג אַליין.

9

נאָר ניט קומען קען קיינמאָל אזא מין טאָג אליין.
דאָס וואָרט דאַרף צוגרייטן די טאַט. די טאַט — דאָס אָרט.
דאַן פאָלגט די האַנדלונג נאָך ווי שיפן צו אַ פּאָרט, —
דער טאָג אַליין קומען וועט ווי געלייטערט געוויין . . .

נאָר אַז דער וואָס פון אים מוז דאָס אַלץ געבערן
טראָגט זיין גורל ווי אַ סאַרווער אַ פולע טאַץ, —
האַלט שטענדיג גרייט פאַר פעטש זיין באַק ווי אַ פּאַיאַץ
פאַרן ברויט וואָס דאַרף אים, ווייב און קינד דערנערן.

פליט אויפגערעגט פון יאָד, ווי צעשאָסענע שרויטן,
וואו „היים־זיס־היים" אויסגעצירט מיט האַנטוך־בילד איז פאַראַן
און זיך מיט פיס דערהויבט, געהילט אין ליולקע־קנויטן,
פאַרוויגט פון ראַדיאָ־כוואַלים און זעלבשפּילער־טאַפּטשאַן.

דאָס אַלץ געענוג איז אָך צו פאַרשטעלן אים זיין צאַאַר,
קאַלזמאַן מיטן טעמפּ פונם שווערד עם שלאָגט דער באַרבאַר,

10

קאַלזמאַן מיטן טעמפּ פונם שווערד עס שלאָגט דער באַרבאַר.
לאַכט נאָך די וועלט טעאַטראַליש — כאַטש מיד און גרימירט.
איר אַפּפאַל, וואָס אַרום איר, שפּריצט זי אויס, פאַרפומירט,
ווייל טיפער באַהאַלטן וויל זי איר אייגענעם צאַאַר.

אנאַנסירט ווערט דאַ, שילדבלענדיק, אַלץ אין זעלבן גאַנג:
מעבל, קליידער שפּייז און אַפּפירמיטלען — קויף! עס!
פּונקט אַזוי — דעם גאָט, די וואַנצגיפט און דעם מעס.
דאָס לעבן — ווי דעם טויט; די באָד, די פּאָז און די באַנק.

אנאַנסירט איז אָפן געלט: „מיר געטרויען אין גאָט".
אָבער ווייטער? קיין זאַך ניט — כוץ אייגן אינטערעס.
כויזעק דו! קייעסט אויס אַ פראַזע ווי אַ געבאָט:
„איך גיב זיי קרעדיט פאַר קאָנען מאַכן אַ סוקסעס"!

דאָס לעבן איז פאַרגרעבט און הארט — קאַלטער קיזלשטיין!
הערט מען ניט דאָס אייגענע פאַרטייעטע געוויין . . .

11

הערט מען ניט דאָס אייגענע פּאַרטייעטע געוויין:
קום שוין, קום, פלאָם־שעפּע! — פרעסט אונז סיי ווי סיי צוזעט.
העלפן וועט פאַר דאָס אין שניט־צייט יענקישער פּאַצעט.
ביז דאַן, מוזן „גרינע״ אין דער סאָכע גיין אַליין . . .

מיינע קינדער זיינען אין יענקי־לאַנד געבוירן,
דאָך צוגעוואוינט צום גראָבן מאַכל האָב איך זיי:
קרויט, פּירעשקעס, באָרשט מיט קאַשע און הייסע טיי.
קינדער — ריינע, ווייסע קיטלען מיינע — ניט פאַרלוירן!

קומען וועט די צייט, כ׳ווייס איך וועט זי שוין דערלעבן.
עס וועלן נעמען, אונדזערע, די קריוודעס גלייכן.
אייערע קעפּ — די ערשטע — זאָלן זיין געגעבן.
קינדער, ריינע, ווייסע קיטלען מיינע — ניט וויכן . . .

קינדער מיינע, אַז מ׳איז טויב פאַר גאַר־דער־וועלט׳ס צאַר,
זעט מען ניט פאַרצווייפלטקייט אין אייגענעם ווירוואַר — — —

12

זעט מען ניט פּאַרצווייפלטקייט אין אייגענעם ווירוואַר?
ווערט גאָר אונדזער לעבן אַן עסטעטיש בינע־שפּיל.
ווי סימפאָניעס קלאַסישע — דאָס וויי־געשריי פון פיל.
דער קלאַנג פון געלט, טראָגט זיך אום — אַקאָרדן פון גיטאַר . . .

שלעכט איז די וואָס זעען אַריבער און אַריבער,
זיי מוזן צינדן אַלע לעבנס־נאַכע קנויטן,
זיי מוזן וועגן — רייסן ווי צעגליטע שרויטן!
סאַפּקאַלסאַף, נאָך פּראַלן אין ניט־געריכטע גריבער — — — —

ווי גרויס ס'איז דער צאַאר פון וועלט — איז אַ דער נאָך גרעסער —
ניטאָ אַזאַ מין סכאַר וואָס קאָנען זאָל באַלוינען . . .
מענטש וועט שטענדיק אויפשטיין בראַוו קעגן סוינעס מעסער
און קנעכט, ניט העלפן וועט דאָס צוזאָגן קיין קרוינען . . .

טאָ זאָל פירן און דערפירן אונזער פלאַמיק זע.
געבן ביישויגעג, א שניט מיטן שאַרף זאָל דער לעץ!

13

געבן בישויגעג, אַ שניט מיטן שאַרף זאָל דער לעז,
אַזש וועלט זאָל אַ פּראַלטאַן אין איר קראַנקן זאַמען־גליטש.
אויפֿקנאַלן דעם גאַנצן רוים זאָל מענטשלאַכער געריטש:
אָ, וועלט, זיי ניט מער, אויבֿ מוזט עס בלויז מיט שמוץ און קרעץ!

יעהאָווע, קוועלט קנאַפּ ווי מיר פון זיין מייסטערשטיק אָז,
ווען וועלט געפּירט ווערט פון זיין יואל און האָורילע.
דערפּאַר, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו אונדז בּימכילע —
אָ, ניט דערפּאַר. קאַפּעלמייסטער מוז דאָד אַזוי טאָן . . .

בּלויז טראַכטן פון דיר מאַטערסטו אוים מיך אַ מידן —
דו יענקי־לאַנד! אַ צעשריגענער כאַזיר בּיזטו
וואָס הייגגט אַף אַ פּייע פון אַ פּוילישן אידן
וואָס איילט זיך פון מערבֿעץ צו זיין שאַבּעס־מאַלקע — רו . . .

זאָל גרייכן, וועלטס־מאַרדע, אונדזער פלאַמיק פויסטנזעץ
און קומען זאָל קומען, וואָס מוז — דורך בּלוטיקער נעץ!

14

און קומען זאָל קומען, וואָס מוז — דורך בלוטקיער נעץ,
אויב ס'איז אונדז, פאַר וועלט, אַליין די שאַפּטים זיין באַשערט.
דער וואָרים דאַרף ניט זיין נידריקער פון מענטש — פאַרקערט:
מענטש איז אַ דואַליסט: אַ גאָט, אַ שטויב פון קרעץ . . .

ווער פון מענטש איז שוין בייגעשטאַנען וועלט'ס סאַטן
און זיך אויסגעדרייט פון זיין פינצטערן קאַשמאַר?
פאַרלאָזט זיך אויף יענער וועלט'ס אַנגעגרייטן סכאַר,
די וועלט — געלאָזט צו גאָטס כסאָדים און באַראָטן?

ווער וויל דאָס ציטערדיק קאָל פון ליבע ניט הערן?
ווער וויל אַז אַ וואָרעם אויג זאָל אים ניט דערבליקן?
נאָר אַז קיינער, אויף דער וועלט, איז ניט ליב און גערן,
זאָל זיין אונדז לעצט וויוואַט־שפּיל — וועלט אין פייער שיקן!

אַראָפּקראַצן די פירערשאַפט — די קרעציקע פאַרענטש,
אויב אין גאַנצער טיפקייט, וועלט באַנעמען, הייסט זיין — מענטש — — —

15

אויב אין גאַנצער טיפקייט, וועלט באַנעמען, הייסט זיין מענטש?
אויב צו וויסן קלאָר דאָס לעבן אונדזערס, הייסט זיין — קלוג?
איז פאַר מיר, דאָס גאַנצע לעבן, פּוסט — דערשעפּט גענוג:
ס'איז הויכקייט און טהאָם — אַן איינציק פלאַמיקע פאַרענטש . . .

מיט אייך, מיט אייך אויפגעוואַכטע, שטענדיק בין איך גרייט!
אַלע וועגן צו אייך בלויז געפירט האָבן מיך.
ניין־ניין, מענטש טאָר ניט מאַקריוו זיין — בלויז זיך־פאַר־זיך . . .
זאָל קומען, זאָל קומען דער טאָג שוין — כ'בין אָנגעגרייט.

נאָר ניט קומען קאָן קיינמאָל אַזאַ מין טאָג אַליין.
קאַלזמאַן מיטן טעמפּ פונם שווערד עס שלאָגט דער באַרבאַר,
הערט מען ניט דאָס אייגענע פאַרטייעטע געוויין,
זעט מען ניט פאַרצווייפלטקייט אין אייגענעם ווירוואַר . . .

געבן, בישויגעג, אַ שניט מיטן שאַרף זאָל דער לעץ
און קומען זאָל קומען, וואָס מוז — דורך בלוטיקער נעץ! — — — —

פון יענקי-לאַנד צו בירא-לאַנד

1

אָ, היים, מיין ערד,
מיין אַלט ניי־לאַנד!
אונדזערע צימבלען,
פּייקלאַך און באַנדורעס
זיינען אַף דיינע ווערבעס
ניט הייננען געבליבן — פאַרשטומט!
ווי אַמאָל ביי די טייכן פון באַוול . . .
זיי שפּילן וויווידיק דעם שטאַרקסטן אַפּוס
— אין די הענט ביי מיינע איצטיקע ברידער
פונם דניעפּער ביזן בירא און אַמור,
טרייסלט זיך אין זייער טעמפּאַ
דער גאַנצער ערדישער גלאָבוס!

2

אָ, היים, מיין ערד, מיין אַלט ניי־לאַנד!
עס ציט זיך צו דיר מיין גאַנצער איך
ווי די הענט ביי אַ טרינקענדן נאָך אַנהאַלט.

אַף די ברעגן מיט צלאַמימדיקע שליאַכן,
אַף דער זאַטער אוקראַינישער ערד,
האָבן מיינע געגאַרטלטע עלטער־זיידעס —
(רעשטלאַך פון די פאַרגאַנגענע ביבלישע אָוועס)
אַ לעצטן מאָל מיספּאַלעל געווען צום טויבן גאָט יעהאָוואַ.
ווי אַ רעטונג־גאַרטל געוויקלט אַרום זיך
דעם פאַרסמאַלצעוועטן טערקישן טאַלעס
און עראַטיש־קראַנק געקושט די בענביקיענע רימענדלאַך —
אין אַנדיינק צום שטויביקן זייכער פון יאַנקעוו׳ס געצעלטן!

ווי נעוראַסטעניקער, אין בלויזע זאַכן, פאַרצווייפלט געקלאָגט
איבער אַז אַלטן כורבן וואָס איז פאַרשריבן אין מעגילעם;
דערצויגן צעשראָקענע קינדער מיט אַ קענגנגעפיל
אַף זייער, צום טויזנטסטן מאָל באַוויינטער, קויסלמאַראָווי,
די שאַקאַלן נעסט פון אַ פאַרוויסטן גאָטס טעמפּל
וואָס אפילע אין אַ משוגענעם כאָלעם האָבן זיי ניט געזען.

אַט אַזוי איז דער גאָט פון איסראָל׳ס ניסים
באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין אַ געזאָלצענעם מאָבל
פון זיינע קינדערס אומזיסט־פאַרגאָסענע טרערן . . .

3

אַף די ברעגן פונם דניעפּער
האָט דער אַלטער מוישע זיך ניט באַוויזן
ווי אַמאָל, צו די איוורים־קנעכט, ביים נילום.

צום געשריי פון מיינע עלטערן און זיידעס,
אין זייער איעשדיקן טהילים־געבעט,
האָט מוישע, גאָט׳ס קנעכט, פאַרשפּעטיקט צו קומען!
האָבן יונגע מוישעס — מער ווי איינער — אויפגעוואַקסט!

האָט גענומען אונדזער קלוגער, קאַפּוליער זיידע־מענדעלע
סאַטיריש צימבלען די קלייקוידישדיקע זיידעס,
די באַלטאַקסעס, די הייליקע אייניקלאַך — די איכעס־טאַרבע!

ס׳איז פרוג אַף די ברעגן פון דניעפּער געבליבן
דער לעצטער מיקוינענען איבערן ,הייליקן ביכעלע״
און איבער דעם קיעם פון ציאיונ׳ס ,,זאַמד און שטערן״!

אין געקומען דער אידישער פאָלק־פּסיכיאַטער, שאָלעם אַלייכעם,
און כאָטש ער האָט טראַגיש־הומאָריסטיש געקוועלט מיט פּעפּערלאַך,
האָט ער דאָך אַ קלוגע פרייד געמונטערט מיט זיין הומאָרעסק
,,מאַיסעם פאַר אידישע קינדער צום לאַכן . . .
לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן״ . . .

נאכמען ביאַליק — כאָטש מער ליב ווי נאָווי
און ווי נאַכמען, נאַכמען — נחמי עמי! . . .
האָט דעם גאָלעסדיקן מענטש געביסן און געשאָלטן
אויף איסראַל׳ס בײדע שפּראַכן: די האַרגטע און די שיפכע!

דער לעצטער — שאַפּירא — האָט מיט אַ נעקאַמע־זעץ
אױפגעטראַסקעט די גאָלעס־טיר און פאַרענדיקט דעם כאַזאַק, כאַזאַק
פון דער טרויעריקער איליאַדע — די אידישע מעלוכע!

אַ, היים מײַן ערד, מײַן אַלט ניי־לאַנד!
פאַר דיר איז דער בראָד נאָך אַלץ געווען צו קאַרג.
דאָס גאַנצע פאָלק — פאַר אויסלייז־זינד!
האָט בריינגען געמוזט זיך אַליין פאַרן עמעסן קאָרבן:
פאַר ערד! פאַר היים! פאַר אייגן לאַנד! —
די היינטיקע וואָר האָט געוואָלט ניט ווינציקער
פון אַלע ביז־איצטיקע אידישע ניסים — קאָרבאָנעס . . .

4

אַ, בירא־לאַנד, מײַן לעצטע צוקונפט־היים!
ניט באַשערט איז מיר ביים ברעג אַמור צו זינגען
אף דיינע סאָוועטישע, קאָלעקטיווע פעלדער, —
אויסציען מײַן קאָל ווי אַ געזונטער, אידישער איוואַן!
זיין איינער פון דיינע פלעביסיטן היים־לאַנד־בויער
פון אַ נייעם לעבן־שטייגער אף דיינע פליינען —
פון ווילדן אינגל־ערד אף דער אידישער בירא־בידזשאַן!
פון שיקאַגע ביז דער פּראָלעטאַרישער בירא, —
ס׳אַרא שטאַרקע, האַרפּאַשנע, ציטערדיקע בײנקשאַפט!
דו ביזט ניט דאָס לאַנד מײנס פון די רייכע קויראַכס!
די אַנגעשטאָפּטע גאָלדן־קאַלב־גלייביקע — מײַן פיינטשאַפט.
גוט וואָס דו ביזט אַ לאַנד צו וועלכן מען קאָן נאָך בייקען.
כאָטש געקנייפּט האָט מיך מײַן רעבי — אונטנאַרומער
דאַווקע ניט פאַר דיר! נאָר פאַר בעירשאַווע און גוישן
וואָס יאַנקעף מיט זיינע שוואַרצבעדיקע סטאַדע־טרייבער.

אזיאַטישע מאַכנעס, האָבן געבראַדזיעט און געצויגן אהין !
מיין טויבער שמעקטאַבעק־רעבי האָט ניט געקענט פאַרשטיין
אַמאָי איך הער ניט, ווי ער, דעם יאַרדן רוישן . . .

דעריבער פיל איך ווי צו אַן אָנגעפּרעסענעם בויך
אַ שטענדיקן האַס צו מיין גאַנצן אָפּשטאַם ! —
וואָס ניט צו אַ באַלמעלאָכע האָט מען מיך אַרבעטן געשיקט,
נאָר אַלע צווייאונפופציק וואָכן פאַר צוועלף קאַרבוינים
דינען געדאַרפט ביים נאָגיד אין הויז און אין קראָם.
מיין איינציקער שאַבעס־טאָג איז ווי אַ לעמעלע
פאַרצוקט געוואָרן פון דער ווילדער מידבער־טוירע —
איך בין געווען אַ פאַרוואָרלאָזט, הינקענדיק ציגעלע
צווישן יאַנקעוו'ס טשערעדעס פון פּאַדאַנאַראָם . . .

אָ, ראַקיטנע, קליין שטעטל אויף דער אוקראַינע לעם קיעוו !
ווער האָט עס געלערנט מיט אונדז ליבע צו דיין ערד ?
צו דיינע וועלדער ? צום פּויער'ס פעלדער און טייכן ?
כאָטש איסעוו'ס ברויט האָבן מיר דאָווקע שאַבעסדיק געגעסן . .
נאָר ליב געהאַט האָט מען גאָר דעם שעיד אווראָמען
וואָס איז מיט זיינע ווייבער און קעפּסווייבער
אין מאַמריין געליגן און פאַר דער גאַנצער וועלט
איצכאָק־יאַנקעף־זאָמען געפלאַנצט — ווי שטויב און שטערן —
צווישן די געצעלטן וואָס האָבן געלאַגערט אין שאָטן פון אייכן.

פון שיקאַגע ביז דער אוקראַינישער ראַקיטנע —
אָט־דער וועג איז צו מיר אַזוי נאָענט !
קיין בוענאָס איירעס, וואַרשע, פּאַריז, לעמבעריק,
איז דער וועג פאַר מיר אויך ניט וויט ;
נאָר קיין פּאַדנאַראָם ? מאַמריין ? גוישען ? ערצאיסראָל ?
צווישן אַדעם וועג ליגט שוין אַ היפּשער מאַהאַלאַד ! —
איינשטיינס ליכט־מאָסן פון רוים און צייט . . .

5

ס׳האט מיך אין מיין יוגנט א ליכטיקער פאנטאזם געבלענדט,
גערופן אויף דער וואר, געצויגן קיין ניו יארק און שיקאגע.
ס׳האבן פעטע גרוסן פון ברידער, פעטערס, מיין קינע צערייצט:
— ווי אזוי קומט אהין? איז געוועזן מיין האמלעט־פראגע.

אט בין איך געקומען! אין שעפער געשוויצט!
און איצט? — בלויז טונקעלע וואר!
ציגל געמויערט, וואפנע געגאסן, ווענט און סטעלי געפארבט
און דאך איז די היים מיינע — הוילע דרויסן!
איינגענורעט אויף דער האנט, נאר מיט אויפגעהויבענעם פויסט,
ליגט צו די פיס פון זיין ווערק דעם בוימייסטערס קאפ . . .

א, אומזיסט פויקט דער הייסער דויפעק מיט היץ
צו די נאסע, שמאטעדיקע כמארעס ארויף, ארויף. —
כאוויירים! פופצן מיליאן, ווי איינער, זיינען מיר
וואס ראנגלען זיך אינם קאפיטאל־קעסל אוקראפ!

א, בירא־לאנד, מיין היים, איך בין א געפרופטער!
איצט קייע איך אין אמעריקע די שטאטישע ערד.
ניט דעם האניק פון מיין לאנד לעק איך,
אפילע ניט דעם ביטערן טרוקענעם וואקס. —
געפלאסטערט טראקטן, געצויגן בריקן, געגראבן טונעלן,
געבויט די פאבריק און די שטאט — האריאפ, האריאפ!
קאפיטאל האט קונציק ארויסגעצויגן מיין סובסטאנץ.
מיך אליין? אויסגעבראקעט ווי געגארגלטן פויראקס . . .

אָ, היים, דו היים מיינע —
אייגענע, סאָוועטישע בירא־עריד !
דיין יוגנט זינגט ביי דיר די נייסטע לידער
פון אייגענע, היינטצייטיקע אידישע פּאָעטן ;
ווען אונדזערע בעסטע זיינען נאָך פרעמד
אפילע צו די היימישע, אידישסטע לייט.
וועגן א דעם יאָמערט מען דאָ מיזערנע
אַף צעלעכצטע דודקעס פּאַרטייעטע פּאַלצעטן . . .

ס'איז מיר באַשערט געווען העלפן דאָ־הי
צו באַזינגען מעטראָפּאָלישן צעבלי :
דעם קראַד און דעם בראַזג און דעם ציש
מיטן עקזאָטישן דזשעז־געמיש ! —
געזונגען ווי אַן עמעס־געבירטיקער, שיקאַגער שלאָגלער קען.
כאָטש איך אַליין וואַרג זיך נאָך מיט געזאַנגען
ווי אַ קרייענדער האָן געטריבן : אַקיש־ש־ש !

אָ, בירא־לאַנד, מיין לעצטע צוקונפט־היים !
עס רופט צו דיר אַ פּאָשיט קינד דיינס
פון אַריבער אַלע יאַמען — העי, פּיאָנערן !
מיין היים, מיין ליד אַף בירא עריד
וועט אַף טאָמיד שוין מיט אייך פאַרבלייבן ; —
נאָך איידער ס'איז מיר באַשערט
אין יענקי־לאַנד אַ זיידע ווערן. — — — —

אונדזער פּרעזידענט שמייכלט

קיין סוועטער אויפֿן הוילן לייב טראָגט ער ניט,
ווי דער וואָס שלעפּט איבער די גאַסן אַ וועגעלע
(פּאַפּיר מיט שמאַטעס) און איז איינגעשפּאַנט אינדערמיט —
דערימעד קען ער שמייכלען, דער פּרעזידענט, ווי אַ זשיגעלאָ . . .

ווען סע זאָלן אַלע וועגלשלעפּער, ווי פּריינקלין די. רוזוועלט,
(אויף בילדער אין יעדן שיינק און געשעפֿט)
לעבן בלויזן פֿויגל זיך אָוועקשטעלן, וואָלט אַנגעקוועלט,
מאַלט אייך, שוין קיינער ניט. נאָר געבליבן גאָר — געפּלעפֿט!

רוזוועלט וואַשט ניט זיינע הויזן, שווערע ווי אַ פּרענט.
זיי זיינען ניי און ווי סטרונעס פֿון אַ באַס — די לאַגן.
פּאָר אַ מענטשן איז אַפּילע איין קוליע שווער צו פאַרטראָגן.
אָבער פֿאַר אַ לאַנד? וואָס איז שלעכט איין ציטעריקן פּרעזידענט?

דער פּרעזידענט ראַזירט זיך ניט מיט אַ שטיקל גלאָז
ווי זיין סיטיזן אונטערן בריק, דער הונדערט פּראָצענטיק אַמעריקאַנער.
היינט ווער נאָך אַרבעט עס אַזוי שווער ווי רוזוועלט? ווייסעד וואָס!
פֿאַרט ער טאָקע קיין פלאָרידאַ זיך פֿרעגלען אין זון ווי אַן אַפֿריקאַנער.

שמייכלט אונזער פּרעזידענט דערפֿאַר אַכאַשווייראָסדיק צו אונז אַלע
און דאָס פֿאָלק איז צופֿרידן מיט זיין „קלוגן" מאַלכעסדיקן שמייכל,
כאַטש עס פֿעלט נאָך „זיין" צוגעזאָגטע פּוטער און כאַלע,
איז אים דאָך געלונגען צו מאָבילייזירן דעם פֿאָלקס טייכל . . .

אונדזער פּריינקלין די. רוזוועלט וועט אַזוי שוין
ווי וואַשינגטאָן און ווי אייבראַהאַם, טאַטע־לינקאָלן,
אַ דימענטל פֿאַרבלייבן אין דער היסטאָרישער קרוין.
זיין גרויסקייט אַף דוירעס סטאַרטשן וועט — אויפֿגעשטעלטע אָלן.

און ווען זיין נאָמען וועט בלויז דערמאָנט ווערן שפּעטער,
וועט מען זיך אויף שנעל מוזן גלייך אויפֿשטעלן דערפֿאַר,
ווי פֿאַר אַ האָצעקלאָץ צי לעהאַוודל גאָר אַ יענער־וועלט־בעטער.
אָבער רואיק זיך צוריקזעצן וועט זיין גרוים די געפֿאַר . . .

אונדזערע רייד

אונדזערע וויווידיקסטע רייִד
פֿון נעכטן, היינט, מאָרגן און פֿון טאָמיד —
צווישן מעטאַלענעם בראַזג אַרום גילדנקאַלב,
וועט אײַנפּאַד קיינער, קיינמאָל ניט דערהערן;
נעמען מיר און צעשפּרייען זיי אויפֿסנײַ —
פֿליִען זיי צו יעדערן באַזונדער אַרײַן
דורך שטראָמיקע, דורך אָטעמדיקע רערן.

דער דיכטער איז אויך אַזוי . . .

אין טאָג —
אַ פּערדל אַ דאַרם
ווי אין אַקעראַייזן בּאַם פֿויער —
שרעקעדיק אין יאָג
געטריבּן ווערט דער דיכטער
פֿון אַן אייבּיקער האַנט,
מיט זיפּץ־און־ווײַ־און־אַך,
אינם שרײַבּגעצײַג — געשפּאַנט.

כאָטש סײַווײַסײַ
איז ער
ניט מער
ווי אַ שער,
אַן אײַזן,
אַ קנאָפּ, —
בּלויז פֿאַר אײַן זאַך
צו בּאַווײַזן:

ווי נײַ,
סופּער־נײַ
סאיז זײַן טראָפּ, טראָפּ, טראָפּ.
אַ בּאַקוניין פֿון טאַט,
פֿון הונגער און פֿון דראַנג;
אַן אורבּאַניסטישער כוואַט,
אַן אַראַנג אוטאַנג
אין ווײַטיקדיקן צוואַנג.

ער?
יאָ! יאָ!
ער:
אַ געבוינגענער קנעכט און אַ שטאָלצער פּאַן;
אַן אָפּענער, היציק־שפּריציקער פאַנטאַן.
דער מויאַד,
די צונג,
די אויגן,
ווי רויך
ווערן אויף מילימילאָסן צוגן צעווייעט
דורך זיין אייגענער, געהאַרכזאַמער האַנט.

ער?
יאָ! יאָ!
ער:
סאיז אַלץ פאַרקרעמפּעוועט אין אים
ווי אַ ציגל אין אַ מויער, —
מיט געדולד, אַקשאָנעס
און שטומען דויער
ווי פון אַ ריזיקער, שטיינערנער וואַנט.

אַ, איך ווארן אייך,
זייט פאַרזיכטיק מיט אים!
ער איז ברוטאַל ווי אַ הונגעריקע כאַיע.
ער איז סענסיטיוו ווי קערנדלאַך זריע פאַרזייעט.
אַ, איך ווארן אייך,
זייט פאַרזיכטיק מיט אים!

ער דרייט זיך אין זונשיין,
אין רעגן,
אין מאַבל,
אין פייער, —
מיט שטויב און מיט הויב,

מיט שימף און מיט לויב;
ער פליט
ווי צווייט
ארויף און אראפ,
געדיכט און צעשפרייט,
האמעטנע און גאלאפ.
ער איז סאליד און געמיין,
גאיוועדיק און קליין.
ער בענטשט אנדערע
שעלטנדיק זיין אייגן געביין.

ער?
יא! יא!
ער:
אומגעריכט פאלט ער אריין
אין דער באקכוס־טעמפא
פון דער גאנצער וועלט, —
מיט א קריע־רים און מיט א קוויט,
צערודערט און צעקוועלט;
מיט א קאל פון א פויק,
א טשעלא און א פלייט.

עקספראמט מושטירט ער די פאנטאזיע
שרייענדיק און צעוויינט,
איינגעהאלטן און צעקראכט,
באגייסטערט און צעקריינקט, —
א צעצונדענער עראפלאן
אין א באנאכטיקער שלאכט.

ער?
יא! יא!
ער:
א צעיושעטער ריז
מיט אימפעט פון צעקנאלטן שראט.

א פארבלאנדזשעט קינד,
א באלשעם און א דאן קיכאט. —
מיט געזאנג צום רעגן,
שטורעם, היץ און קעלט;
צום ווערעמל וואס נערט זיך
אויפן קילן, גרינעם בלאט,
און צום פייגעלע וואס צעצופט
דאס ווערעמל און ווערט אליין אויך —
האלב־זאט —
א קארבן גלאט
פונם שפארבער געפאקט — אברופט.

ער?
יא! יא!
ער:
— ווער בין איך, ווער?
וואס בין איך, וואס?
וואו בין איך, וואו?

א,
אן אטאם,
א גראז און א דעמב,
א טהאם און א בארג, —
צימצומדיק קארג
און העפקערדיק פריי —
ווי וואסער,
ווינט,
און פלאם.
א לייב און א לאם,
א קראטער און א שראם,
א פעדערל און א שטיק בליי,
א געבעט און א שפיי,
א פעכערל און א קנוט,

א צאַריק און אַ ברוט,
אַ בעבערל פון אַ בלום
מיט נעקטאַר און מיט סאַם,
מיט האָניק און מיט בלוט;
אַ כאַכעם און אַ טאַם,
אַ כוואַליע פון אַ שטראָם
וואָס פאַרפלייצט — ראַפּטאַם.

ער?
יאָ! יאָ!
ער:

אַ, וואָר!
סאיז באַוואוסט
(ווי אַ דאַרנקוסט)
דער דיכטער איז פויל.
ער איז פון קאַפּיי
דער שטענדיקער שאַלאַפּיי.
כאַטש ער האָרעוועט שווער
ווי אַ מרוק,
אַ פוקס,
אַ וויזל,
אַ בער, —
מיט אַלע אייוורים — אין איין צוק.

אַ, יאָ.
סאיז וואָר!
סאיז באַוואוסט!
סאיז קלאָר!
דער דיכטער איז פויל.
ער איז פון קאַפּיי
דער שטענדיקער שאַלאַפּיי.

ער?
יאָ! יאָ!
ער:
ער לויפט פאָרויס
פון אַלע זייטן,
אין אַלע צייטן,
און פאַלט צו די פיס
(די שטאַרקע און די מידע)
בײַ אַלע אָנהייבן
פון אַ באַנייטער וועלט;
סיי זי קומט שיין און סיי — מיעס.
ער צעשאַלט און צעהעלט,
דעם ניט־און־יאָ,
וואָס אים געפעלט.

פראַנק און פריי,
צו גנאָד און צו גנאַי,
בערשטעלט ער ווערטער אַרויס
וואָס הייגנען גרייט אין דער לופט,
אין דער נאַטורס שויס,
ווי פאַרן מאָלער די פאַרבן.
ער דערשפירט זיי אין געהיים —
אַ געשאַנק וואָס צו אים אַליין
אַנטפּלעקט זיך עם בלויז, —
אַ באַגייסטערטע טרייסט צום אַרבן.

ער טראַכט
מיט אויגן אָפן
באַטאָג און באַנאַכט.
ער בלייבט ניט שטיין
אַ צאַם פאַרגליווערט און אַליין
ווי ציפער, ציפער, ציפער
אויף איין און דערזעלבער בלאַט.

ער איז אומעטום,
אף יעדן אָרט, —
עסטראַדע,
סקווער און באַריער.
מיט שפּיז און פּאַנצער
און מיט העכסטן רום.

א פּאַריש באַ א זייט —
א רעזומער
וואָס קוקט אַף אַלץ פון דער ווייט;
אין פּאַנטאָפל און אין א כאַלאַט,
פאַרדווייקעט און שטום,
פאַרבאַרגן ווי א הייליק ווערק
און בוילעט ווי א רייצענדער ציטאַט.

ער איז אומעטום,
אויף יעדן אָרט,
פאַרשיידענערהייט
נאָר מיט אייגענע רייד.

ער אַקערט, און אַקערט, און אַקערט
פאַרן עמעס פון וואָרט.
פאַרן קלאָרן און מוטיקן וואָרט.

און נאָך אַמאָל: —
שאַרף ווי א קלינג פון שטאָל
בלייבט ער שטיין קעגן אַלץ —
פאַרן איינציקן וואָרט
ווי פאַר ברויט און זאַלץ.

ער אַקערט, און אַקערט, און אַקערט
פאַרן פאַרביקן וואָרט.

ער?
יאָ! יאָ!
ער:

דאָס פּאַפּיר — באָדן.
די פּען — אַ רידל.
פּאַרזיי — אויסיעס צוק נאָך צוק.
שניט־צייט — אַן אָרימער פּויער
מיט אַ צעצונדענעם קוק.
אַ קינד אַף יאַרידן
וואָס האָט ניט וואָס צו בינדן
און וואָס צו לאָדן.

סאיז אָנגעפּראָפּט זיין האַרץ
ווי באַ אַ וואַנדערן אַ מידן.

ער איז פאַרטראַכט
ביז צו זיין אינגסטער צעל.
ער איז די שטערנדיקע נאַכט
אויף אַ לעמפּערט׳ס פעל.

עס טיקט זיך אין אים
קנויטן־נויטנדיקע וואונטשן
וואָס ווען אים אויף דאָס ניי —
ווי אין פּאָנים אַ שפּיי —
זיין כאַיעש־מענטשיש בלוט צעצינדן.

מײַן טיש איז געגרייט

מײַן קײַלאַכדיקער טיש איז געגרייט
און דער סערוועט ליגט —
אַ שטיק לעוואָנע־פעלד אויסגעשפּרייט.
העי, צעפלאַמטע מעכעטאָנים מײַנע, אַ ווײַווידל צעוויגט!
און נאָכדעם אַלע, מיט מאַכאַלים אײַגענע,
(ווי אַזוי נאָר אײַנער ליבט און איז אומשטאַנד),
רונד אַרום זיך אויסזעצן מיט אָרעמס רעדעוודיקע, אויפגעבײַגענע
און „כמאַליען״: ווער קנאָבל־באָרשט נאָכאַנאַנד,
(אויב ער האַלט פון מאַנאַ דיעטע),
און ווער באַסער וועדאָגים, קיטניעס צי רויגן,
צי גאָר די אַניוועסדיקע לאָקשענע קוגעלאַך די שאַבעסדיק־פּעטע;
פּירעס, גרינצייג, אַפילע גריקע באַשמאַלצן מיט טשאָלנט־אויגן —
העי, צעפלאַמטע מעכעטאָנים מײַנע,
דיכטער, גרויסע און קלײנע —
שטורעמדיקע זאַמדן! ווירבלענדיקע פלאַמען!
לאַשטשענדיקע כוואַליעס — איך בעט אײַך;
קאַלזמאַן די קינע שמעקט אונדז ווי אַ רעפּטל רעטאַך
און נאָך אײדער אונדזער פּאַסקודנע יוכע איז צעקריגט
און ס׳איז דער סערוועט נאָך ניט פאַרליאַפּעט און פאַרפּאַפּט
און נאָך גאָר אײדער ווען די סודע געפעלט,
איז נאָך אַמאָל און טאַקע נאָך אַמאָל — שטאַרקער צוגעקלאַפּט!
העי, צעפּאַנאַכעטע מעכעטאָנים מײַנע, אַ ווײַווידל צעוויגט!
וואָרום דער קײַלעכדיקער טיש איז שוין געגרייט
און דער סערוועט ליגט — אַ שטיק לעוואָנע־פעלד.

מיר דאַרפֿן פאַרב פון קלאַנג

(ווילאַנעל)

באַ אונדז איז דאָ אַ פעלד פאַר טריאָלעטן,
און נוצן מעגן מיר נאָך ווילאַנעלן, —
מיר דאַרפן פאַרב פון קלאַנג און מינועטן.

סאיז אונדז באַליבט די שיינקייט פון סאָנעטן,
אידישע דיכטער איז זי גאָר געפעלן —
באַ אונדז איז דאָ נאָך פלאַץ פאַר טריאָלעטן.

מען מעג דאָס פעלד פון ראָנדן מער אויסטרעטן,
גענוג שורעס געשונדן סטאָם ווי פעלן —
מיר דאַרפן פאַרב פון קלאַנג און מינועטן.

טאָבו צום שאַבלאָן פון אַלטע פּאָעטן!
צו וואָס נאָכמאַכן ווי פייגל טרעלען? —
באַ אונדז איז דאָ נאָך פלאַץ פאַר טריאָלעטן.

גענוג שוין לידער שטעפן ווי קאַשקעטן
און שרעקן גאָר־די־וועלט מיט היפּערבעלן —
מיר דאַרפן פאַרב פון קלאַנג און מינועטן.

ניט העצקען פענעז ווי מאַריאָנעטן
מיט שאַרפן זשעסט אין גראָטעסקע געמעלן —
באַ אונדז איז דאָ נאָך פלאַץ פאַר טריאָלעטן,
מיר דאַרפן פאַרב פון קלאַנג און מינועטן — — — —

מיר

אונדזערע רייען מיט רייד, די אויסגעמוילטע
האָבן פאַרפּאַפּט שוין דאָס אויער מיט קלאַנגען.
אונדזערע סובטילע בליקן די אויסגעאויגטע
האָבן שוין צו־גאָרנישט־ניט קיין פאַרלאַנגען.

איצט, האַלטן מיר ווי דיקסי־פּילאָזאָפן די אויגן און די ליפּן צו
בעאייס מיר זײַנען אין איין רעגע אי אין טיפסטן רוים,
אי קנאַלן דעם גאַנצן טהאָם אויף, מיט אונדזער שריי,
אי פאַרזינקען ווי אַן אַבראַמין אין ענגער אייגענער רו,
אי שפּאַנען ערד־גלאָבוסעס פלאַכן דורך פריי,
אי ליגן, ווי הינט אין בודעס, אײַנגעקנוילט אויף זייער צוים . . .

אָ, צו וואָס פאַר אַ דערהויבטע מאַכשאָוועס
מיר זאָלן שוין ניט האָבן דערגאַנגען אַצינד,
זיי בלייבן דאָך טאָמיד די זעלבע און צאָמען
די קליגסטע וועגן מיט אויסגעפּאָרשטע באַגרעניצטע זינד —
פאַרשלינגען אונדז, ווי רייפע קינסטלער פונם נעגליזשן סאָרט.
דערפאַר איז אונדז אַזוי באַליבט די לעצטע סימפּטאָמען
וואָס פירן באַשטימט און זיכער צו נירוואַנישע פאַרלאַנגען,
ווײַל העכער פון אַלע מאַדרייגעס איז אַ די נאָד אַלץ די איינציקע פּאָרט
וואָס פול מיט איר שטילן נאָזיר־גאַנג האַלט אונדז געפאַנגען. . . .

איבערגעבויגענע, ווי זעכצניעריקע אינגלאַד,
איבער דינע פּאָספּאָרדיקע מיידלשע בייכלאַד, בלייבן מיר, —
ווער פאַר דער ניט־פאַרענדיקטער סקולפּטורע,
ווער פאַרן לייוונט מיט פאַרביקע ליניען,
און ווער פאַר זיין אייגענעם מאַנוסקריפּט, באַוואונדערנדיק אַ שורע,
ווי פאַר רייד פון אַן אַלטן פּאַקיר —
שטייען מיר מיט צעוויקלטע געמיטן קעגן וועלטס צעגליטע האָריזאָנטן,
ביז העט אין אויסגעלופעטן באַגינען — — —

מוישע לייב

וואו איך גיי
און וואו איך שטיי
הער איך,
ווי אין זיך,
קלאַפּט מאָטאָרן־גיד,
אַלץ דער איינאונאיינציקער געשריי:
מוישע לייב, מוישע לייב, מוישע לייב.

פּרימאָרגן־פינצטערער.
אַלץ איז קאַפּויר און פאַרקערט . . .

כוויל אָנטאָן מיר דאָס העמד,
ערשט, ער טראָגט עס גאָר אַף זיך.
בלייב איך אַזוי זיצן שיוועדיק פאַרקלערט
לעבן מיינע אויסגעטועטע שיך . . .

שטופּ איך זיך שוין גוילעמדיק —
ראַפּטאַם — אינם רעקל אריין,
ווי איך וואָלט אַן אַף
צי גאָר אַן אַלטער עקס קיניג געווען —
ערשט, איין האַנט מוישע לייב׳ס,
קאַלט און האַרט,
איז פון פריער שוין אינם לינקן אַרבל . . .

בלייב איך אַזוי אָוולדיק פאַרשטאַרט
און איך הער ווי אין זיך,
קלאַפּט מאָטאָרן־גיד
אַלץ דער איינאונאיינציקער געשריי:
מוישע לייב, מוישע לייב, מוישע לייב.

פרימארגן־פינצטערער.
אַלץ איז קאַפּויר און פאַרקערט . . .
בלייב איך אַזוי זיצן שיוועדיק פאַרקלערט
לעבן מיינע אויסגעטונענע שיך . . .

פּלוצלונג, פיל איך
ווי איך אַליין
וואַלט זיך
אַ ווילד פרעמדער געווען.

פלעכט מיר דעם שניפּס אויפן נאַקעטן האַלדז
וואָס שניידט זיך פידלדיק איין
ווי אַ צעקאַרבטע מעסער . . .

מיינע אויגן — ספּירטפּולע פּעסער
שפּאַרן,
שטאַרן,
זעען גאַרניט — בלויז מוישע לייבן . . .

בלויז איך הער,
ווי אין זיך,
קלאַפּט מאַטאַרן־גיך
אַלץ דער איינאונאיינציקער געשריי:
מוישע לייב, מוישע לייב, מוישע לייב.

האָט דער גאָרגל זיך צעוואָיעט
מיטן אַלטן, אַלטן אָוול־געוויין
וואָס דוירעס, און דוירעס, און דוירעס
האָבן דאָס שוין ניט איינמאָל געוויינט
און געוויינט, —

אַ געוויין, —
וואָס אי גאָט אי כאָיע
קאָנען דאָס פֿאַרשטיין.
ס׳פֿידלט איבער אונדז אַ צעקאַרבט מעסער.

נאָר אָט, און מוישע לייב איילט אונטער
מיט זיין שנעלן קאָס
און גיט פֿון מיר דעם שניפּס
אַ כאַפּ אַראָפּ אויף גיך, —
ער בינדט אים אָן דער קאָץ אָפּן עק
און זאָגט, אַז איר, פּאַסט ער בעסער . . .

פּרימאָרגן פּינצטערער.
אַלץ איז קאַפּויר און פֿאַרקערט . . .
בלייבט אָפּאָנים ניט מער ווי אַש־מיט־זעק
פֿאַר מיר און פֿאַר אַלע! — אָנצוטאָן אָף זיך . . .

בלייב איך אַזוי זיצן שיוועדיק פֿאַרקלערט
לעבן מיינע אויסגעטועטע שיך — — — —

אַ שיקאַגער פּאָעט

פֿאַר איינעם איז ער אַ קויש מיט מילגרוימען, ראָזשינקעס און מאַנדלען,
פֿאַר אַ צווייטן — אַ פֿאַנטאַסמאַגאָריע וואָס פֿאַרווירט צום וואַנדלען.

פֿאַר איינעם איז ער אַ צעבראָכמטע טאָץ, אַ באַראַבאַן,
באַר אַ צווייטן — אַ פֿאַרבאָרגענער, בייסיקער סאַטאַן.

פֿאַר איינעם איז ער אַ שרעק־נאַכט מיט מאָנסטערדיקע פּלאָגן,
פֿאַר אַ צווייטן — דאָס שאַריען, אין האָריזאָנט, אויף טאָגן.

פֿאַר איינעם איז ער אַ גרילציק־פֿאַרהאַמעוועטע ראָד,
פֿאַר אַ צווייטן — אַ פֿאַרביק־ריטמיש־שווינגענדיקער קאַראַהאָד.

פֿאַר איינעם איז ער גאַנץ אומבאַמערקט, ווי ניט געבאָרן,
פֿאַר אַ צווייטן — אויף אייביק אומשטערבלאַך געוואָרן.

פֿאַר איינעם איז ער סאַם! טייוול! פּעטליורע — אַ צאָרע!
פֿאַר אַ צווייטן — אַ איקאָנע דראַפּירט אין ליין קלאָרע . . .

פֿאַר איינעם איז ער אַ קויש מיט מילגרוימען, ראָזשינקעס און מאַנדלען,
פֿאַר אַ צווייטן — אַ פֿאַנטאַסמאַגאָריע וואָס פֿאַרווירט צום וואַנדלען.

אַמאָליקע פּאָעטן

גוט איז דיר וואָס דו ראַנגלסט זיך ניט מיט גאָט
די צעטריסקיטע, פֿאַרשטויבטע יעקאַר־האַמציע;
און אויך ניט מיט זיין קלייקווידישדיקן ג ע ד י ש אַ כ ץ —
דער אָרעם איז ביי דיר ניט איינגעשלאָפֿן פֿון זיין רעציע...
גליקלאַכער כאַווערל, סע זיינען היפּשע דוירעס געווען אַזוי
וואָס האָבן זייערע לידער צאַצקעדיק געפּוצט און געפֿלאָכטן
מיט ייעש, טריבֿ, באַנג, זאַנפּט־געמיט, האַוודאָלע־שימער, אויגנטוי,
טריפֿשמאַרץ, מיידל־מאַלאַך — אַ שקאַטולקעלע מיט פּאָעזיע רוזש, —
משהן, פֿרעה טוטאַנכאַמען — ווי פֿיינע לאַנדסלייט — געדוצט...

איך זאָג דיר זיי זיינען געווען פֿיל קליגערע געשטאַלטן
ווי אַ סאַך ווערטלאַך אינם טייטש־כומעש אפֿילע.
יאָ, מענטשן זיינען געווען אויסגעטיילט ביי זיי, בלויז
אין אידן — קאָשערע און פֿרומע; און גויעם — טרייפֿע און רישאָים.

באַלמעלאָכעם? פּויערים? זיינען דאַכט זיך אויך געווען ערגיץ —
כמיין, אַ כוצן זונפֿאַרגאַנג אינם פּורפּורדיקן מאַרעוו
מיט שטערנצווייט און ציגנבאָבֿ אויף די גאַניקעם געדעכט.
„און ערגיץ האָט מען מיסטאָמע אויך געאַקערט, געזייעט, געלאַטעט, —
דאַכט זיך אַז פּעטע פּריצים האָבן, פּאַטערלאַך, געשמיסן די הויז־קנעכט
ווען זיי זיינען געקומען פֿונם אַנגעהאָרעוועטן יאַגד...

און ערגיץ זיינען אויך געווען פֿאַרפֿאַפּטע פֿעלד־אַרבעטער, קאַרטאָפֿלדיקע
מאַכנע:
„זלידניעס" וואָס האָבן אין זייערע ציבעלע־ברויט־מאַלצייטן
גאָר געציטערט איבער די ברעקלאַך ווי איבער לויזע שפּאַקולן...

נאָר עט, פֿאַרן עסטעט זיינען אַדי־אַ לייט
מיסטאָמע געווען בלויז פֿון וועלט־מיל: דאָס ראָד־געשריי
און גרילץ פֿון פֿראַצע. דעריבער האָבן דיכטערלאַך מיט גראַם־ביין
געזונגען און אויסגעגאָסן ווערטער־גלעקלאַך, אום קעדיי,
דעם ליבֿ וועלטעלע אין אַ מענטעלע אויסצופּוצן — ספּאָרטיש־שיין...

גוט וואָס דו האָסט גלייך צו „קאָרדילאָ ציגיינער," „סעם טשינגלי,"
„דזשימי דער שוואַרצער," „ביל דער וועטעראַן," זיך גענומען ווענדן;
און דו זעסט די וועלט מיט איר איבערגעפּרעסענעם בויך און אויך
די וועלט — מיט די לאָמע פֿיס און פֿאַרדאַרטע לענדן — — — —

נויאָרק פרילינג צייט

האַלב פיר פאַרטאָג פילן פיס אַ שפּאַן — אַ מייל.
נויאָרק האַלט שוין ביים לעצטן ביסן שלונג.
בלויז איין קאַזאַאיסל נאָך, איין קאַזאַאיסל מענטש
און שטאָט־מויל וועט זיך פאַרמאַכן אויף אַ וויַיל.

דאָס קריכט אַזוי אַוועק פון מאַשקאָוויצעס קעלער אַ פּאָעט־אינזיכיסט, —
אַן אויסגעקאָסטער, אַן אויסגעלאָדענער וועגן שאַבלאָן אין אידיש ליד.
עס נעמט אים אַריין אין דערהויבנקייט פון איבערן דרויסן;
ער ווערט גלייך באַוואוסטזיניק ווי אַ געניטער מאַשיניסט.

ער נעמט אַרויס פּאַפּיר און ראַיוינעוועט מיטן טינטפּענדל:
„אי, וואָס פלעגט דער נאָגל פונם ווילנער גאָען׳ס גראָבן פוס־פינגער
טאָן בישאַסן מיסאַסעק זיין זיך טאַשמים האַמיטע?"
ער שפּיגלט זיך מיט דער שיילע ווי אַן אָרימאַן מיט אַ רענדל...

די אַלטע שיינעסאָסל און די ווילנער גאָענטע

פול מיט פּיליי פּלאָים פלעג זיין יעדן כוידעש די אַלטע שיינעסאָסל
(זי האָט שוין ניט געדאַכט, נעבעך, אויף איר זיקאָרן צימאַל),
בישאַס זי האָט צו דער גאָענטע, מיט אַ מינע פון אַ טרונק אונערקע־ראָסל,
ס׳לייכלעך געטיציעט און ראָק געטיינעט קידבאָאי: „אַמאַי" און „נאָכסאָל"?

בסולעדיק האָט די גאָענטע געדריבלט די טריפּקעס פונם נייעם לעבל,
אַריינגעקוקט דרינען מיט נישטוימעם ווי אין אַ טעלעסקאָפּ, קלוימער...
„מע דאַרף ווידער פאַרצערעוועז." גוצנדיק איר קלוגע האַנט פאַר אַ דעבל
איבער די זינדיקע אויגן — לייבן צוויי — וואָס מוזן האָבן אַ צוימער —

יעזוס — אַ ראַכמאָנעס נעבעך

אַ קלויסטער. אויפֿן טויער — אַ צעקרימטער יעזוס.
פֿון זיינע אויגן קאַפּעז טרערן, פֿאַלשע,
מיט אַ קאָליר פֿון פייגל... ווי רופֿט מען עס?...

צוויי קעץ מיאווקען צו אים אַרויף ווי צו אַ בריע.
דער קאָטער דעספּאָטיש מיט אַ באַפעלנדיקן טאָן: יעעעזווססס.
דאָס קעצל צעפּיעסטעט און טאַכנונימדיק: אוי, וויי, מאַ־אַ־ר־ר־יע־ע־ע...

מיינט ער נעבעך אַז אַ „נאַכטיגאַל" זינגט שוין ווידער
צו אים פּסאַלמען צי גאָר די היילִיקע האַלעלויאַ־געזאַנגען, — —
קריכט אים גראַדע איצט ניט קיין געזאַנגען מיט לידער.

סאיז אים שוין אומגוט פון זיי, נאָר שריי כאַי־וועקאַיעם, שריי!
אָבער אַז דאָס געזאַנג וויברירט אַזש ביזן סאַמע בויך אַרויף,
אַזוי ווי אַ הייסער שטראָם צישן די פיס אים פֿאַרביי,

פֿאַרקלעמט ער אַ פּום איבער אַ פּוס — די דראַנגען —
ווייל ער מיינט דאָך אַז ער האָט דאָרטן בעפּיירעש
אַ זינגפויגל צי גאָר דעם ריכטיקן קאַנאַריק געפאַנגען.

פֿאַרוואַרפֿט דעם קאָפּ נעבעך אין קרימעניש: מענטשן, ראַטעוועט!
אַ ניט וועט „ער" גאָר אינגאַנצן כאָלילע אַוועקפּליען און האָדיע...
דער פּאָעט אינזיכיסט באַמערקט עס און ווי אַ יעגער — טשאַטעוועט.

פאַלצעטאָ פאַנטאַזיום

אַזוי ווי די זון ווערט פון שמיטע־מיליאָנען ביז יוויול־מיליאָנען אַלץ
קעלטער,
לאָכיין, זיינען פונם פּלאַנעט וועגוסיוויע אַלע מענער, פּאַר שרעק,
אויסגעפּייגערט.
האָבן די מער פּילנדיקע ברואים פונם פּלאַנעט מאַרקידיע, די מאַמלס,
זיך דערוואוסט דערפון און אוים גרוים קינע, מוטערלעכע מיסטאַמע,
אויפגעפרעסן מיט היבשן אַפּעטיט, די זכאָרים זייערע פון אינגסטן עלטער.

זייט דאַמאָלסט קומט אַ באַס־קאָל אַרויס צו יעדן כצאָס און רופט און
שרייט

(מיט אַן עכאָ וואָס קלינגט אָפּ ווי אונזערס,
ווען סזאָל זיין אויף דער לעוואָנע):
„אָ, ערד, דו וועלט־מיל־שעכטעריי!
עוואָפּע ערעווישאַבעסדיקע יאַטקע־קלאָץ!
דיינע געניטע קאַצאָווים שטייען שוין ווידער
גרייט מיט פינקלדיקע העק דערהויבט:
ס'גייט אַ ניי וואָכיקייט אויף דיר מיט בלוט־פּראַצע
און צו שאַבעס — איז נאָד ווייט.

דו שטאָט נויאָרק

אין קיין קרוין גלויבסטו ניט,
קיין צילינדערהוט האָסטו ניט,
אַ לאָרבערקראַנץ איז צו אַלטמאָדיש, —
טאָ מיט וואָסזשע דען דעקסטו פאָרט צו די קעפּ
פון דיינע פיל־אומשטערבלעכע פּאָעטן?
און דו דעקסט זיי פאָרט צו...
בלייבסטו טאַקע די קאַשע און זיי — דער טערעץ —
איז עס צוזאַמען — אַ סאָד קלוימערשט — פאַר מיר — — —

קלאַסיש

צוויי רייען ווייסע פּאַפּיעס
פירן צום אריינגאַנג פונם סאָד.
לעם די זייטן ביי אַ געבערגטן באַזים
שורעס ווייסע שמיינער — יוניפאָרמיק —
שטרייכן אונטער דעם זאַמדיק ווערמיליאָן שטעג.
אַ קעגנאיבער : אַ ראָזאַריום אין אַ קלומב,
היאַצינטן, נאַסטורציעס, טוליפּאַנעס און דעפאָדילן,
ציען זיך אין אַ בליאַסקעדיקן וועג.

מירמלענע סטאַטוען אין דער מיט פון אַ שפּריציק פאָנטאַן,
גאַלדענע פישלאַך, ליכט־עפעקטן, פאַרפּרעסטע ליפּן
פון אַ ראַפינירט געזיכט אויף זיידענע קניעס אָנגעלענט.

נעפּטון מיט אַ צעפּאַטלטער באָרד צילט זיין גאָפּל און פּליט,
פאַרכאָלעמטע שאַבעס־יאָנטעוודיקע שוואַנען שיפן זיך
אין די געשלייערטע שאָטנס פון איבעסדיקע טאָפּאָלן
און שלינגען גראַציעז דעם אָפּגעפּאַלענעם שנייאיקן צוויט...

אַן אָפּן בוד ווי אַן איבערגעקערטע טשערעפּאַכע
ליגט לעם לאַקירטע נעזלאַד פון דאַמישע שיך
און וויעט מיטן לעצטן בלעטל : סאָף פון ערשטן באַנד — — — — —

דער לינקער טאָוול מיטן קאָלירטן פּאָדערבלאַט סטאַרטשען קוימעמיעס
רייסנדיק זיך צו דערגרייכן די נאַר־וואָס פאַרלאָזענע הענט..

מיקי מויז

— אכט גראטעסקן.
פאבלהאפטע קאריקאטורן אין פערזן.

מיקי מויז קריגט א באפעל פון זיין פאלק

העי, מעטראפאליע! ראצנפרעסערקע! מירן אוועק פון דאנען,
אויב דיינע בירגערלאך וועלן אלע זיבן מעסלעסן
נישטערן די עלים און טרייבערן די מיסט־קאנען —
סע בלייבט דאך שוין פאר א ראץ גארנישט צום פרעסן!

אלע וועלן מיר שרייען: מיקי מויז, מיקי מויז,
פיר אונז קיין וואשינגטאן, קיין וואשינגטאן!
מיר שרייען אלע: פיר אונז, קלוגער מיקי!
אונדזערע קענען אויך זיצן אינעם ווייסן־הויז!

מיקי מויז, מיקי מויז, העי, מיקי!
וואונדערסט אלע צייטן,
ווערסט די איצטיקע — אויך.
קריך אפן לייב צו די מארגנס, הואווערס,
צום מאשיאך מיטן בלויען פויגל — רוזוועלט
וואס ראק ער שמייכלט־סייכלט־ווייכלט
און שווערט
אז בלויז — ער וועט און וועט
אויסלופען מאמעש ווי א קוואטשקע
ווייסע הינדעלאך פאר דער וועלט.

העי, מיקי, מיקי, מיקי!
קריכסט דאָך דורכן אויער פון אַ נאָדל דורך,
טאָ קריך אַריין טיף אינם איבערגעפּרעסענעם בויך. —
פלינקער און געשיקטער
ווי אין אַ פּוסטן שוך,
און דריליווע זיי
מיט אַ שרויף־געדריי
די לונג־און־לעבער אויס.
האָסט שטאַרקע נעגל.
נאָך שטאַרקערע — די ציין.
אָבער די לאַפּעטעס — די צוויי שיך.
וואָס שאַרפער זיינען זיי
פון טרוקענעם כאָזער־ביין
לויף!
שווינד!
גיך!
האַריאַפּ! האַריאַפּ!
ברענג צו דיינע מייזעלאַך
האָם־האָם!
האָם־האָם!

ווי אַ שניט פון אַ בליץ
איז מיקי'ס קוויטש געווען:
— אַלע אַהער!
נאָך מיר!
אַלע! אַלע!
נאָך מיר —
קיין וואַשינגטאָן!
קיין וואַשינגטאָן!
די וועלט זאָל הערן!
די וועלט זאָל גאַפן!
די ערד זאָל קראַכן!
מיקי מויז וועט וואַנדערן —
גרויסע וואונדער־איבער־וואונדער טאָן.

צום מאַן מיטן שוואַרצן קוימען אפן קאָפּ

איז געקומען מיקי מויז מיט זיין אַרמיי,
מיט זיין שרייאיק־קוויטשיקער אַרמיי,
קיין וואַשינגטאָן, קיין וואַשינגטאָן!
האָט ער דערזען אַ טרעלבוכדיקע זאַך
מיט אַ שוואַרצן קוימען אפן קאָפּ.
אַ שוואַרצער קוימען — אַ פלאַכער דאַך.
איבער אים אַ פויגל בלאָ —
דוכט זיך גאָר אַ נייע זאַך!
האָט מיקי ניט געטראַכט קיין סאַך —
און — — —
ווי אין אַ פּוסטן שוד
אַריין — האַ־האַ־האַ־האַפּ!
דורכן קוימען גלייך צום קאָפּ!

אַט אַזוי זיך,
ניט סתּם —
איינגערוימט רוזוועלטן אין אויער
ער זאָל אים פירן אין ווייסן מויער,
ווייל מיקי האָט צו ווייזן און צו ווייזן דאַרט
וואונדער איבער וואונדער גרויס,
צו די לייט פונעם ווייסן הויז!

קיינער ווייס ניט אַז אין ווייסן הויז
גריזשעט איצט מיקי, מיקי מויז
ביסלאַכווייז דעם גאַנצן פויגל אויס —
ביז צום לעצטן רעשט פון פעדער;
ער גריזשעט געשמאַק און ערנסט
ווי פון אַ שוד דאָס לעדער!

— — — — — — — — — — — — — —

קיינער ווייס ניט אַז אין ווייסן הויז
גריזשעט, גריזשעט מיקי מויז — — —

מיקי מויז'ס פֿאַמיליע

מיקי מויז האָט אַ ווײַב — מיני מויז.
„זינגצי" פֿאַר אים שטענדיק: לאַ! לאַ! לאַ! לאַ! — לאַ!
אויפֿן סערפֿיקן שפּיץ פֿון דער יונגער לעוואָנע
הײַנגט זייער שאַרבן־פֿאָרמיק הויז.
טרעפֿ אַרויפֿצוגיין צו דעם איז ניטאָ.
נאָר מיקי נוצט די שוימיקע שטיגן פֿונם יאָם
ווען די לעוואָנע האַלט בײַם שלאָפֿנגיין אין האָריזאָנט —
ליו־ליו, ליו־ליו, שליו־ו־ליו, ששׁשליו־ו־ו . . .
און מיני? זי דראַפּעט זיך מיט אירע הענט
אַף די אַקאָרדן פֿון איר אייגענעם: לאַ! לאַ! לאַ! לאַ! — לאַ!

בלויז פֿאַר זייער ציטערדיק קינדעלע —
דעם יונגן סיניאָר לייבישפּיוּוישמענדעלע,
וואָס פֿאַרמאָגט אַ גופּעלע מיט אַ קעפּעלע
ווי אַ געטאָקט שטעקעלע מיט אַ קליין פּענדעלע —
שטעקט מיקי זײַן האַנט דורכן קוימענדל אַרויס
און נעמט ווי אַ שטייגל פֿון הייִנגער
דאָס גאַנצע פּאַלאַצל זייערס — אַראָפּ.
ער שטעלט עס עקסטאַטיש לעם קינדעלעם פּיסעלאַד אַוועק
און מיט אַ זשעסט פֿון אַן אָפּערע זינגער
ווייזט ער אים אָן צו דער טיר:
— ביטע, זײַ־זשע מוחל! סיניאָר לייבישפּיוּוישמענדעלע

סיניאָר לייבישפּיוּוישמענדעלע גייט אַהין אַרײַן
און מיקי מיט מינין קומען פֿון דאָרט זעליק אַרויס.
נאָכדעם הייִנגט מיקי דאָס הויז ווי אַ שטייגעלע
אַפֿן הייִנגערל צוריק אויף,
און אַלץ ווערט געטון בײַ אים עקסטראַוואַגאַנט — מיט זײַן עק.

צום סוף, טרינקט ער גאָר דעם יאָם אויס
אין עטלאַכע לעק
מיט זײַן צינגעלע —
וואָס איז ווי אַ קעסעלע די גרויס . . .

מיקי מויז׳ס פאַמיליע עסט וועטשערע

צו וועטשערע זעצן זיי זיך אַרום אַ וואָלקן אויס,
און מיני מויז נעמט מאַכן אַ מאַכל פון שטערן.
פליקט שטערן נאָך שטערן גלייך אין וואָלקן־שיסל.

הינטער איר זיצט מיקי מיט אָנגעשטעלטע העלפאַנט־אויערן
קוקט זי אויף אים צוריקוועגס — מיט קאַם
אַזש דאָס פאַנימל אירס דרייט זיך אויס אויף דער פלייצע;
און רעדט ווי אַ סאָסייעטי לידי מיט אַ גרימאַס
און מיט אַ בלעכענעם שלוקעכץ ווי אַ זאַהיקע,
אָדער ווי מע טרינקט זיך איבער מיט קוואַס:
— „מי—מי—מי—מי—יקי!
מאַניאַק!
פוילע כאָליערע!
לידיקגייער!
האַמען!
היטלער!"

נאָכדעם שעלט זי פון אונטן אַרויף:
— „היטלער!
האַמען!
לידיקגייער!
פוילע כאָליערע!
מאַניאַק!"

מיקי שפּרינגט אויפגערעגט אויף
און שטעקט מינין אַפּ אַ קנאַק
אַזש עס כאַפּט אים דער גאַווער,
די ניכפּע
און אַ קייכהוסט.

דער קאָפּ דרייט זיך אים ווי אַ שרויף
און ער טייטלט מיט אַ פינגער אַף זיין ברוסט:
— „מי—מי—מי—מי—מיני!
איך בין פויל?
איך?
מיליאָנען גייען אַרום
נאַקעט און הויל!
שטום איין! שטום!"

מיני גיט אים אַ שליידער־צו
דאָס שטענדיקע מאַכל פון שטערן
(ווי אַ שטייגער באַ אונדז — בולבעס, בולבעס).
און זי גיט אַ פאַרצווייפלטן קוויטשע:
— „נאַ, וואַרג זיך! זויף מיין לייב! — פרעס!!"

נאָר מיקי האָט ווייזט אוים דאָס מאַכל זייער ניט גערן.
טוט ער מיט זיין רויטן צינגל איבערן בייכל
פון וואַלקן אַ שמיר, און — ז־ז־ז־זיפּ!

דער וואַלקן צענעמט זיך ווי אַן אַלטער טשעמאָדאַן
און ליכט — דאָס גאַנצע שטערנדיק מאַכל —
צעגיסט זיך איבער דער ערד ווי דורך אַ זיפּ.

און ביז די זון גייט אויף איז דערווייל ליכט פאַראַן —
עס בליאַסקעט גראָ, ווי דאָס בייכל פון אַ קליין טייבל — — — —

מיקי מויז דער אַקטיאָר

פון וואָס מאַכט אַ לעבן מיקי מויז?
פון גאַרנישטניט!
פונדעסטוועגן איז ער שטענדיק
מיט פֿלינקע טריט —
אומרואיק ווי אַ פּערעפּענדיק.
אַ מאַזיק! טויג זיך צו אַלעם אויס:
פון זיך דראַפּען אַף די גלייכע ווענט,
ביז פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַ שרעטעלע
מיט לאַנגע שיך,
צי גאָר אין אַ מאַרקיז
(ווי גרויס ער איז)
טאַקע מיט פּענסנע און מיט אַ גלאַציקן פּליך,
צי פֿאַר אַ פּראָפעסאָר מיט אַ פֿראַק און אַ צילינדער־הוט
וואָס קומט שטענדיק אַריין מעשוגע — דיאַגנאָזירן אַ פּאַציענט.
אָדער גאָר אין אַ ווילדן קאָמישן האָן פֿאַרשטעלט
וואָס פֿאַרשיידענע וואונדער־איבער־וואונדער טוט: —
מיטן קאָפּ, מיטן עק
אַזוי גוט ווי מיט זיינע מויזישע הענט.
צום הימל, איז בײַ אים פּונקט ווי אַף דער ערד אַראָפּ.
מיט זיין באַריר מאַכט ער אַלץ באַלעבט:
אין גאַלאָפּ —
האָפּ, האָפּ; האָפּ, האָפּ!
צום שפּיל און צום טאַנץ,
צום בויג,
צום נויג,
מיט אַ הויב און אַ פֿראַל.
איבעראַל:
אין צעוויי
אין געדריי,
צום פּלאַטער און צום פּלי —
אַט־דאָס־אַלץ טוט מיקי מויז אַליין,
בלויז מיט זיין אייגנאַרטיקן קוויטשיקן געזאַנג
און מיט זיין מויזישן ה־ו־ר־א־ו־פּ־י!

אַ סצענע מיט מיקי מויז דעם אַקטיאָר

מיקי מיט די גראָבע פינגער
דרייענדיק זיי אין די שלייפן,
מיט אַ גאַזלאַניש פייפן,
וויגט זיך ווי אַ שפּינעלע אַ אינגער
און ווי ראַדיאַטער־היץ וויברירט
זיין גאַנצער עקזאָטישער גוף
מיט פיף, פאַף! און פו, פו, פוף!
מיקי אין אַ גראָטעסק קאָנקאָנירט:

צום טאַנצן, צום טאַנצן!
ווייל איר האָט ניט וואָס צו טאָן!
איר האַקט ניט!
איר באַקט ניט!
איר קאָכט ניט!
איר בראָגט ניט!
איר וואַשט ניט!
ווי איר פלעגט אַמאָל! —
הע־עי, ניט געשוויגן!
וואַכט־אויף!
צו מיר!
מיט אַמאָל!
טוט זיך אַ ריר!
פאַרנעמט מיין קאָל!

די קאַפּעליע שפּילט
און דער עולם — טאַנצט

פון דער פּיאַנע זיינען אַ פּאָר הענט ווישקעדיקע
ארויס
מיט פינגער־דרעטלאַך פלינקע און שאַרפע ווי ציינדלאַך
בײַ אַ מויז.
און איבער די אייגענע קלאַווישן — האָץ־האָץ־האַצאַדריילע
געהאַצקעט.
אַזש דאָס מעבל און די גאַנצע אַטמאָספערע זיינען געוואָרן
פאַרשניאַשקעט.
די גלעזער און די קאַווע־טעפּעלאַך האָבן זיך צעטומלט
ווי גלעקעלאַך, —
געקייקלט פאַר געלעכטער האָט אַזש אויך דער קאַלטער אויוון
מיט די בעקעלאַך.
מר. בעזעם און מרס. טאַפּעכע האָבן ביז־גאָר־פיין
געקאַדריליוועט.
פריילן פרעגלפּאַן מיטן הער טשאַיניק האָבן פלינק
געוואַלצעוועט.
די גאַלאַנטע פּאַני קאַטשאַלקע מיט מאַדאַם ריבאַייזן
פּעטעלעלע,
האָבן מיט די זילבערנע און טעלערנע קיילעם אַנגעפירט
די קאַפּעליע.
אַלע זיינען אַף דינע פיסעלאַך
געגאַנגען,
מיט שטאַלצע מיילעלאַך געזשומט
געזאַנגען,
מיט פלאַכע הענטעלאַך אין רויש־טאַקט
געפּליעסקעט:

מיקי מויז, מיקי מויז,
זאָג, וואָס זאָלן מיר טאָן?
אינטערנאַציאָנאַלער אַקטיאָר,
זאָג, וואָס זאָלן מיר טאָן?
העכסטע קלוגשאַפט פון פילמע־הויז,
זאָג, וואָס זאָלן מיר טאָן?
גרעסטער קינצלער פון אילוזיאָן,
זאָג, וואָס זאָלן מיר טאָן?
קיינער קען׳ט איבערשטייגן דיין פוראָר,
זאָג, וואָס זאָלן מיר טאָן?
ביזט אונדזער אידעאַלער פּאַראַגאָן,
זאָג, וואָס זאָלן מיר טאָן?

מיטשקע דריטשקע די קאַץ

פּלוצום, אַך, פּלוצום, איז
מיטשקע דריטשקע אַריין —
דער פּאָליצייער — מר. קאַץ!
און מיט זיין וואַלגערהעלצל
איבער די דינע פּלייצעלאַך געקלאַפּט:
— „שטילצט זאָל זיין! שטילצט!
איר ליידיקגייער!
רו־שטערער!
די שטאָט שלאָפט דאָך?!
פּרעכע וועלט־קערער!"

אַלע ווי איינער האָבן אויסגעשריגן:

— שטיי ! גיב ווייטער ניט קיין טראט !
מיר ווילן אויפוועקן די שטאט
און מיר וועלן !
מיר ווילן אַרבעט, אַרבעט, אַרבעטן
און מיר וועלן !
מיר ווילן זיך אַנשליסן אַן מיקייס אַרמיי
און מיר וועלן !
מיר ווילן גיין מיט אים קיין וואַשינגטאָן
און מיר וועלן !
מיר ווילן אַרבעטן — גיבן אַלעמען וואָס צו טאָן
און מיר וועלן !
מיר ! מיר ! מיר !

דערהערט מיקין ? אוי וויי ! אוי וויי !
גיט מיטשקע דריטשקע
דער פּאָליצייער, מר. קאַץ,
מיטן וואָלגערהעלצל אַ דריי,
זיין גערגעלע אַ שטרעק,
אַ בייזן טיטל מיטן עק :
טוזש — אַף אַלע !
און — — —
סווערט אַ פּאַניק,
אַ פינצטערע בעהאָלע
מיט אַ מעהומע
פּונקט ווי אַרום פייער פון סאַוואַראַנולע.

מיט אַ קלאַפּ און אַ סטוקע
קוים איינגעשטילט די סומאַטאָכע —
מיט שווייסיקער מוקע.
מיקי מויזן אַליין געכאַפּט
און אים אַפּגעפירט אין טפיסע־שייער.
נאָר סאיז גוט וואָס מיקי
הערט אים פּאַר אַ גלאַטן דרייער —
אַזוי ווי דער רויך פון אַ שטאַרקן פייער
אַזוי איז פון אונטער דער נאָז דעם פּאַליציייער׳ס
ניט געסטייעט מיקי מויז, —
ווי דורך אַ קישעף־שלייער
פאַרשוואונדן איז ער צו זיין קוויטשיקער אַרמיי.

אַ נייער,
אַ פרייער,
מיט בראַוואָ־שרייער,
מיט נאָכלויפער סטאַם־אַזוי
און ווי אַ שרעקלאָכע זאַוויי —
מיט איר געשטראַמט,
געוויכערט איבער גאָר דער וועלט
אַלץ פרייער, פרייער און פרייער!

און וואו ער איז געקומען,
און וואו ער האָט אויפגעטראָטן
און מיט זיין קוויטשיקער אַרמיי זיך אָפּגעשטעלט,
האָט ער גלייך אַלעמען דערקלערט: אַז ער און ער —
בלויז ע ר איז דער איינציקער עמעסער באַפרייער
פון דער איצטיקער צו אַ פרייער, גערעכטער וועלט — — — —

די אַלטע וועלט-דראַמע

גענזעץ איז אַלט ווי דער בליץ,
און ניי — ווי דער דונער.

1

טו! טו! טו! —
שרייט א פאַרבאַרגן קאָל
איבערן מענטש,
צו אים,
אין אים
און פון אים. —
טו! טו! טו!
טו מענטש — טו!

געזעץ איז אַלט
ווי דער בליץ
און ניי — ווי דער דונער.

ווער איז ער דער מענטש?
א מענטש.
ווער פרעגט עס?
א מענטש.
ווער וויל עס וויסן?
א מענטש.

2

דאָס קרימינאַל־קאָרט באַלאַגערט מיט מענטשן
איז ווי אַ זעלטענער פּערזישער קאָרפּעט.

אין איין זייט — צוועלף,
גרופּירט ווי פּריינט אינטימע.
אין אָנהייב קאַמער (מיזראַד־צו)
אין צענטער לעם דער בימע,
צוויי, דריי און פיר.
אַ פּאָר מיט שטערנדיקע ברוסט־טעצלאַד
לאָזן אריין און ארויס פון טיר, —
צערעמאָניאַל און פּינקטלאַך
ווי לייוויאים און קויהאַנים
אינם בייסהאַמיקדעש אמאָל — צו קאָרבאָנעס.
קאָרבאָנעס. קאָרבאָנעס.

אָט דאָס אַלץ ווירקט מיסטאָם
פּונקט אַזוי,
ריכטיק,
געטרוי,
ווי זויער, הייסער עפּל־סאָס
אַף אַ מאָגן וואָס איז נאָך ניכטער.
נאָר דאָס איז דאָך ניט וויכטיק.
דער איקער : די פיר הונדערט געפּלעפּטע
(די אוידיענץ).
פאַרכמאַרען די אויגן ווי וואָלקנס — שטערן
נאָך אַ בליצלאָזן דונער־שאָס.
כאָטש פון אויבנאָן שיינט קאַלט אראָפּ
דער לעוואָנעדיקער, מעשענער מענטש — דער ריכטער
ווי אַ ווייטער קרישטאָלענער לאָמטערן.

וויכטיק — זיכטיק — ליכטיק
ליגט זיין הויכער סופּער־עסטעטישער קאָפּ
אַף פינגער פאַרמירטע ווי יונגע מערן
אין האָניק און אין עסיק געבאָדן — ציכטיק.

3

געניטע צייטונג־הענט
מיט שרויפּנדיקע בליי־פּענדלאַך,
מיט טריפּנדיקע טינט־פּענדלאַך,
ציען הין־און־קריק רעפּאָרטאַזשן
אַפּן סאַמע מיט פון פּאָליאָ־פּאַפּיר,
באַ די ברעגן ווינקלען פּיר
און קימאַט שאַרף אַפּן שניט פון די ראַנדן.

יעדער זייטל ווי מיט נעצן צעלייגט
פון אַ דערפאַרענער עקספּעדיציע אין דזשאָנגל.

אַ טייל דערמאָנט אַ פּאַרבאָרגענעם ציטער
ווי פון צעשראָקענע אַנוסים ערעוו פּייסאַך
אַף די גאַסן פון מאַדריד, באַרצעלענאָ און טאָלעדאָ.

אַף קידער־ווידער,
ווי שוועסטער און ברידער,
זיינען מיין כאַווערם פאַרמערעזשעטע זייטלאַך
מיט די אידישלאַך־צעלייגטע מעקובאָלימדיקע אויסיעס.
זיי סטאַרטשען עקזאָטיש און צעלאָמעט —
אַז אַפריקאַנער דערפעל נאָך אַ סטאַמפּעדאָ.

4

די שטילקייט־קילקייט־פילקייט
פיקט און שטיקט, פליקט און דריקט,
שווער ווי א טויטער עלעפאַנט. —
און עפּשער נאָך מער:
א באַרמינאַז אין זונפאַרגאַנג ערעוו שאַבעס.

די פאַכטיקייט, פריקרע, קריכט אַרום
ווי מאָגן־ווערים
טיף אין די גערערים
בּאַ אַן אַלטן ציטערדיקן מויהעל אין שקראַבעס —
בּלינד — שטום — קרום.
טויב — פרום — דום.

אַלץ ציט זיך שוין דווירעס־לאַנג —
אַזוי לאַנג, לאַנג, לאַנג,
ווי דער עלטסטער פון אַלע אַמאָלן.

קיינער אַנט שוין ניט צומאָל
דעם ריכטיקן, עמעסן אַנהייב.

צעבויטעט איז דאָס ראַפּעדיקע טראַכטן;
עס וויגט זיך אַרויף־אַראָפּ
מאַנאָטאָן
ווי אין ווינט — הוידענדיקע וואָג־שאָלן.

סאיז דער מאָמענט פון — ש־ש־ש
אין דער שטילסטער זאָן.

אין קרימינאַל־קאַרט
ענדיקט זיך א לעבן,
אָדער עס הויבט זיך
פון דאָס ניי ערשט אָן....

5

אַז עכאָ פון אַ האַמער
פון אַ צווייטער קאַמער,
רייסט זיך אַריין
ווי אַן אָבּרופט געשריי
פון אַ מענטש אין אַ קלאַמער.

ער איילט זיך:
סטוק, סטוק, סטוק — טוק־טוק!

עס דערמאַנט:
(אַ בּייז האַצקעדיק האַקמעסער
איבּער געפּילאַכץ פאַר פיש
פון אַ באַלעבּאַסטע אַ מאַרק־זיצערקע.
דאָס לייבּ אירס — אין איין צוק:
ניט פאַרשעמען דעם הייליקן שאַבּעס
זאָל כּאַסווייִשאַלעם איר אָרימער טיש.
סאיז כּאַרפּעדיק שפּעט פאַר גאָט
און נאָך מער — פאַר לייט.
זי פּליסטערט ווי אין אַ געבּעט:
וואָס זאָל זי נעבּאָך טאָן
און סע קלאַפּט איר אַ צאָן אָף אַ צאָן.

נאָר גאָט שיקט ניט צו אַזאַ איינער,
וואָס קויפט גרייטע צוויי כאַלעס,
זיין געהילף — דעם פייער־מאַלאַך
וואָס באַקט און קאַכט.

צו וואָס? און נאָך וואָס?
צו צוגרייטן אַ בּידנעם דאַלעס?)

אַז עכאָ פון אַ האַמער
פון אַ צווייטער קאַמער,
רייסט זיך אַריין:
סטוק, סטוק, סטוק — טוק־טוק!

6

מיט קוואטערדיקע אויסטיילאכץ
הויבט זיך אָן די פונקציע
אין הויז פונם קרימינאַל־קאַרט. —
סאיז היימישע צערעמאָניעס ווי אַף אַ בריסמילע.
אין דער לופט הייגגט, צום אויסברעכן גרייט,
אַ קינדיש קוויטש־און־קייך — שאַרף
ווי אַ צערייצטער שפּרונג פון אַ כאַרט.
עס דישעט מיט טאַבעקע, מייערמעל און ניליע.
און די נאָז, מער ווי די אויגן, באַדאַרף
אַ היפּש, היפּש, היפּש טיכעלע צעשפּרייט
אַזוי אומרואיק צעפלאָסן איז איר טאַט.
דער אָטעם פלאַטערט ווי באַ אַ זאַקן די האַנט
באַם גרעניץ פון דער לעצטער געפאַר.
אַלץ איז ביז גאַר, גאַר, גאַרנדיק געשפּאַנט.

אַזוי איז שוין דער סאַף פון אַ מענטשנ׳ס גזאַר.
דאַכט זיך אַ כאַכעס, —
און פאַלט איבער אַ פאַדים אַ דינעם . . .

— ווער איז דער איידעס?
אַ מענטש.
— דער ריכטער?
אַ מענטש. —
אַ קאַדעקס
איבערגעפרעסן מיט אַלטע דינים.
ער גלעטלט - בעקלט - בייכלט זיך
און פינטלט, מישנדיק מיט זאַט־געזועגע אויגן
ווי מע בלעטערט אַ שוין־געלייענט בוך
וואָס מע האָט ניט פיינט
און ניט איבעריק — ליב.
זיצט ער זיך איינגענורעט
ווי אין ווינקל־סטעלי אַ פלעדערמויז.
זיין קאָפּ ווי אַ באַיאַרטע טשערעפּאַכע.
זיין האַרץ — אַ דיאַגראַם בלויז
ווי אין קאַרטן די שוואַרצע טויז.

עס קויעט־לויערט־וואויעט אין מיר
שוין פון עטלאַכע מעסלעסן
אַ זאַווערוכעדיק געדאַנקען־געמיש:
איידער דאָס וואָרט מיט די „טעסן"
צום שווערגעבוירענעם טערמין — טויט —
פונם שויפעט'ס ליפּן ווערט דערפירט,
ציטערט שוין אין יעדערן דער קאַלנידריי־פיש . . .
הייסע בלוטכוואַליאַד צעשפּאַרן די הויט,
צעווייעט פון זיין שוואַרץ־כאַלאַטנעם קלייד
וואָס איז סימבאַליש — לעוואַיעדיק דראַפּירט.

7

אַ, לעבן! לעבן! לעבן!
וויין לעבן, וויין!
זיפּץ און בעט!
וויין אַף אַ האַרן!
אַ פלייט און אַ גיטאַר!
אַפן פייפאַל און אַפן האַר —
דעם קלאַרנעט.
קלאָג לעבן, קלאָג!
קלאָג אַפן וויאָלין,
אַף דער טשעלאָ;
פאַרגיי זיך אַפן סאַקסעפאָן
און כליפּע אַף דער האַרף.
שפּרינג פאַרצווייפלט אַרום אַף די קלאַווישן
מיט יאָכץ און קרעכץ און געפּילדער.
שריי, לעבן, שריי!
דונער אַף די באַרגסיניידיקע קעסלפּויקן;
ברום,
זשום,
שטורעם אַף די באַסן אַראָפּ — שאַרף, שאַרף.
וויין לעבן, וויין!
עפּשער וועסטו עפּעס אויסבעטן,
אויסוויינען, אויסכליפּען.
וויין! קלאָג!
וויין לעבן, וויין!
שריי לעבן, שריי!

דו ביזט דאָס איין, איין, איין,
איינאונאיינציקע,
דאָס אינטימסטע פון אַלע פאַרמעגן.
ביזט מיט אונדז שטענדיק געבליבן
פונם ערשטן ביזן לעצטן
אַף אַלע אונדזערע וואַגלדיקע וועגן.
וויין לעבן, וויין!
לאָז זיך ניט אוועקרויבן.
שריי לעבן, שריי!
אַף אַלע דיינע ווייזערס און שרויפן:
איך וויל זיין מיט דיר מענטש,
איך מוז זיין מיט דיר מענטש. —
מענטש, לעבן, מענטש
וואו זאָלן מיר גיין?
וואוהין זאָלן מיר אנטלויפן?

8

מיינע ראיוינעס וואַנדערן —
אַז מיר.
מיינע אויגן זעען —
אַז מיר.
מיינע אויערן הערן —
אַז מיר.
מיין האַרץ פילט -
אַז מיר.
מיין מויל רעדט —
אַז מיר.
און איך?
אליין,
אַ זייטיקער דיריגענט.
פאַרזונקען אין זיך.
ווי אַ שטומער גוף,
טויבער גוף,
בלינדער גוף,
טעמפּער גוף,
וואָס רעדט — אַנ׳ם מויל.

פּילט — אַנ׳ם האַרץ.
הערט — אַז די אויערן.
זעט — אַז די אויגן.
מעדעטירט — אַנ׳ם מויאַד.
איך אַליין — אַ־איך־בין.

כבין אין אַלץ,
אַף אַלץ
און איבער אַלץ.
כבין, און בין, און בין:
דער ריכטער און דער פּראָקוראָר —
בין איך.
דער אוילעם און דער באַשולדיקטער —
בין איך.
די דזשורי און די איידעס —
בין איך.
לופט,
ליכט,
סטעליע און דיל —
בין איך.
די גאַנצע זאַל —
בין איך.

איך בין דער טויטער
און דער לעבעדיקער.

עס טרעטן אויף אין מיר
צוויי איידעס:
אַן אַדרעטאָר
מיט פיר פּאַליאַ ביכער
און אַ לעבן אַ סוקעראַנט אַגענט.
דעם ריכטער׳ס קלוירק מאַכט אַ בראָכע
אין געאייל ווי מע נייט טאַנדעט,
מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט
ווי אַף אַ ביקס אַן אַרויפגעזעצטער באַיאָנעט.
מע שטייט אים אַקעגן אינם זעלבן מאַניר —
אַ טויטער פיש אַן אַ ריר,

א מאַריאָנעט
וואָס קאַפּירט זיין געשטאַלט . .

עס דוכנט דער פּראָקוראָר
איבערן אַדעטאָר
ווי אַ בייזער, שרייענדיקער קויהען.

(קויהען האָב איך געזאָגט?

יאָ.

נאָר סאיז פאַרט
אַ קרימינאַל־קאַרט
און ניט קיין טאַלנער קלויז.

מיט ציטער און מיט פּלאַטער,
ווי אַ דערשראָקענע איבער אַ מויז,
האָוואָיעט דער פּאַרטייטיקער מיט זשעסטן
פון אַ קאַפּריזנעם, נערוועזן רעזשיסאָר. —
נאָר סאיז ניט קיין רעפּעטיציע אין טעאַטער.
סאיז אַ קרימינאַל־קאַרט
פאַר מיר, פאַר אַלע.
און גאָרנישט, גאָרנישט — מער.

און דאָ,
אין טאָ,
איז אַלץ
אַזוי היימיש באַקאַנט.
ווי מיין אַמאָל, מאָל, מאָל, אַמאָליק
שאַבעס־יאָנטעפדיק דאַווענען אין טאַלנער הויף;
ווי דאָס אויפפירן אַ שפּיל אין טעאַטער.

דער פראַצעס וועקט אויף,
ווי אַ דרייענדיקע שרויף,
דעם לאַנג פאַרזונקענעם דרימלער אין מיר —
דעם פאַרצייטיקן מענטש.

(מענטש האָב איך געזאָגט?)

י־י־י־יאָ!

אַ, לעבן! לעבן! לעבן!
ווימל ניט.
דרימל ניט.
שימל ניט.

וויין לעבן! וויין!

וואָרום געזעץ איז אַלט
ווי דער בליץ
און ניי — ווי דער דונער.

9

ווער שאַפט דאָס געזעץ?
אַ מענטש.

ווער האַרגעט?
אַ מענטש.

ווער איז אַ ריכטער?
אַ מענטש.

אי, אַ מענטש! —
ער נוצט די פּעז,
די שרייבמאַשינקע,
דעם טעלעפאָן,
דעם מיקראָפאָן,
דעם מיקראָסקאָפּ,
דעם רעוואָלווער,
דעם שטריק
און די האַק;
דעם טשעק
און אַלערליי ביכער.

ווער מאַכט אָט דאָס אַלץ?
אַ מענטש.

ווער איז ער אַזוינס — דער מענטש?
אַ מענטש.

ער מאַכט אַלץ
און אַלץ — אים.

אַ מענטש איז בלויז דאָס
וואָס זיין טעכניק איז:

אַ ביז־ז, ציז־ז, פּיז־ז, ניז־ז!
אַ דיז־ז, וויז־ז, איז־ז, ריז־ז!

מיט אַ דער טעכניק שאַפט ער אַ ציַיטונג,
אַ מאָווי, אַ סוקע, אַ ווייַנגאָרטן,
אַ פּיעסע, אַ סימפאָניע, אַ ליד,
אַ מעלוכע, אַ מילכאָמע, אַ כאַסענע,
אַ טעאַטער, אַ ליטעראַטור, אַ גאָט,
אַ רעוואָלוציע, אַ וועלט־געשיכטע
און אַן אייביקע קולטור.

פול מיט טעכנישע, דינימדיקע,
פעלדעלאַך, קנייטשעלאַך,
דריידעלאַך, ריידעלאַך,
מיט זייטיקע אונטערגיינגעלאַך —
לעבט ער,
לעוואַיעט ער,
און — מישפּעט.
אַ, דער מענטש איז פאַרטון אין דעם
געשמאַק,
מיט האַק און פּאַק —
אַ סאַד אין אַ זאַק.

10

אַ, זון! זון! זון!
דו טריקנסט אויס דעם זאַק,
פאַרשווינדט דער סאַד,
און סע פאַלט אַרויס די האַק.
בלייבט בלויז דער פּאַק.
מאַמענטאַל ווערט אַלץ צעקנאַלט,
ווי אַ וואַסערפּאַל צעשאַלט
און עס דריקט אַזוי לאַנג און לאַנג,
אַזוי שווער און שווער,
ביז דער גאַנצער מענטש פאַלט —
מאַמעש ווי אַ גריזלי־בער
אונטער שלאַס און שטאַנג.
אַ, זון! זון! זון!
שיין, שיין, שיין זון!
קאַלזמאַן דו שיינסט איז גוט.
און דער מענטש?
אַזוי לאַנג ווי דו שיינסט אים צו
האַט ער פאַר אַלצדינג גענוג מוט
און ער וועט ניט מינערן זיינע שטיק,
נאָר דאַווקע — זיין וואָס ער איז,
און טון — וואָס ער טוט:
אַ שטיק טעכניק, פאַר טעכניק, מיט טעכניק.
אַ ניז־ז, ציז־ז, פיז־ז, ביז־ז!
אַ ריז־ז, דיז־ז, וויז־ז, איז־ז!

11

!א־א־אה
?וואס וואלט ער געוועז אז דעם
?וואס וואלט ער געטון אז דעם
?וואו וואלט ער געוועז אז דעם

— !געפעכערט ווינט
!געזיפט שטויב
!געווארפן שטיינער אין טייכן
!געשפילט זיך אין רעגנבלעזלאך
!געטאנצט ארום פייער
!געקלעפט בלאטע־שטיבלאך
און — — — — — —

עפעס האט ער דאך געמוזט טאן
.דער מענטש
עפעס האט ער דאך געמוזט מאכן
.דער מענטש
עפעס האבן די הענט געדארפן הענטלען
.באם מענטש
אז די פולע־פוילע־הוילע מאמע־צייט
,זויגט אים נאך אלץ
,מיט איר ברוסטיקער שמאלץ
.פון לאנג, לאנג, לאנגוויל
,און טאטע דויער
,שווער ווי א מויער
דריקט־שטיקט־פליקט אים
:איבער זיין קארק
!טו! טו! טו! טו
.טו עפעס
.שאף עפעס
.מאך עפעס
— .ריר עפעס
!טו! טו! טו
:דערפילט ער אז דער מיין
!איז לעב! לעב! לעב

אַ, טו! טו! טו! —
שרייט אַ פֿאַרבאָרגן קאָל
איבער אים,
צו אים,
אין אים
און פֿון אים.

טוט ער. טוט ער. טוט ער.
אויב ניט דאָס?
מאַכן זיך אים די אויגן — צו.
ער פֿאַלט אין אָפּגרונט — רו.

געזעץ איז אַלט
ווי דער בליץ
און ניי — ווי דער דונער.

סאיז נישט — ער.
נישט — זי.
נישט — דו.
אוים — דו.
קאַפּוט — דער קאַדעקס.
באַסטא — דער האַמער.
אַ סאַף — דער האַקמעסער.
אַז עק — די טעכניק.
גענוג און האַדיע — מיט אַלץ.

12

אַן עכאָ פֿון אַ האַמער
פֿון אַ צווייטער קאַמער,
רייסט זיך אַריין:
סטוק, סטוק, סטוק — טוק־טוק!

געזעץ איז אַלט
ווי דער בליץ
און ניי — ווי דער דונער.
אַ,
ווער איז ער אַזוינס — דער מענטש?!

זכוסאָוועס

אַ פויערשע כאַטע מיט אַ פירהויז וואָס איז גרעסער
פון דער צווייטער העלפט וואו דאָס געזינד וואוינט.
אין שטוב: אַ טיש, אַ בעט, אַ קליידער־שאַפע, צוויי ביינק.
אַ וואָג־זייגער, אַ מיזראַך לעבן עטלאַכע פאָליצעס מיט ספאָרים.
אין סאַמע מיטן שטוב, אַן אויוון מיט צוויי גאָרנדיקע הייל.

אַ ווייסער קעמל. אַרום די זייטן — לישייעס
מיט בלוט־ריטשקעלאַך געפורעמט ווי די סטיגמאַטאַ.
צוויי נעגל מיטן קאָליר פון אַ יאַטקע־קלאָץ
יאָגן זיך צו פאַרקלעמען אַ זעקספוסיק געדעכעניש
פון דער מיצראַאימדיקער דריטער מאַקע . . .

אַ גרויסער פאַרטוך אַף אַ קישלדיקן בויך
וואָס בורטשעט ווי קוואָס־בולבעס פון עפל.
אַ רויט קינדעריש אויערל הערט זיך איין דערין
און פאַרגעסט דערווייל אַז סע פייערט אים
זיין אויסגעצוואָגן ערעוו־יאָנטעוודיק קעפל.

אַ מולטער. איבער איר — צוויי קראָקוועדיקע קניעס.
צווישן זיי בלוטיקט דער אייצהאַכאַיעם — — —
ווייב צאָלט מאָס אין מעזומענדיקן ווייטיק . . .
פארן געניסן פונם אייצהאַדאַם רעוועט איצט
די מאַמע מיינע ווי אַ כאַיע בעשאַס זי איז אין פלאַמען.

הענט ווילן ארויס פונם קערפּער ווי שטייג־פייגל.
הענט בּאַ אַ פּרוי בּעשאַסן צוקינדגייז,
פאַרמאַגן איז זיך דעם היפּנאָט פון מעשונגאַים.
בּאַבּעס וויסן עס און געבּן דעריבּער צו געווינערנס
שטריק אָדער נאַסע שמאַטעס אַף צערייסן.

די בּאָבּע האָט שוין איר קניפּיקל און די פלאַש, בּאַזייטיקט . . .
מיט פּאַרכטיקייט זיך אַנגעגורט צום שפּרעכן —
אַז איר פּראָפעסיע איז קעגן דעם בּוירעס גזאַר,
אַזוי מישטיינס געזאָגט, מיזערנע, בּלינד און נישטיק! —
אָט פּונקט ווי דער שכיינעס גויעשע זאַבּאַבּענעס, צוואַר.

שעפּטשעט זי: „גאַטעניו, האַרציקער פאָטער ליבּער,
טו בּאַוויליקן פּאַר אונדז — דיינע זינדיקע קנעכט —
און שיק דעם מאַלאַך־גויעל צו בּאַם איכיעל טיכיע־ע־ע . . .
דו האָסט זי דאָך פּאַרבּונדן, גאַטעניו, ניט קיינער — — —
טאָ בּאַשער איר דיין ראַצן צום אויפבּינד" . . .

אָט אַ טעמפּע, הייזעריקע, פראַגמענטאַרישע סירענע
און אָט אַ וואָלפישער פּאַרצויגענער געוואוי.
געשאָכטן אונטער צאָן ליגן ליפּן — בּאַוול־דין־בּלוי.
הענט ציען זיך, הענט שטרעקן זיך, הענט ראַנגלען זיך —
וויבּרירן־אויף די לופט, מאַכן וויינענדיק די ווענט — — —

„אוי בּאָזשע, בּאָזשע, בּאָזשע מאָי"! „אַלמעכטיקער בּאַשעפּעער־ר־ר"
„לאַי האַמיימים יעהאַלעלויאַ, ווייַלאַי קאָל יאַרדיי דומאַ". . .
„אוי גרויסער טאַטע אין הימלע־ע־ע"! „האַספאַדי פּאַמילוי"!
ליפּן שפּרעכן. דאָס לעמפּל קאַפּטשעט. אַ קרייע. סאיז קאַיאַר.
די גויע ראָט די געווינערן זאָל אַלץ בּלאָזן אין פלאַש . . .

א פור האט זיך אפגעשטעלט. עס ווערט אויפגעפראלט די טיר.
א רעגנמאנטל. א בארד. רויטע ליפן און פינקלדיקע אויגן.
דאס אויסגעצוואגענע קעפל קווישעט אין געוויין: „טא"!
א זיידע־האנט שטרעקט שאלעם צום רעגנמאנטל מיט: „אוי" . . .
ראפטאם, א רויער קוויטש. בייקוויטשיקלאד וואס צופן מארד.

די פינקלדיקע אויגן דערזעען אין אלץ וויי־און־געשריי.
זיי אליין — דאס געשריי פון אלע גרילציקע געשרייען.
זיי פארשטומען אונטער ברוקים: „מאזלטאוו" ! „סלאווא באגו" !
„מאזלטאוו מיט א אינגל! דעם זיידן אן אייניקל" !
דורך א שייבל זיפט זיך דורך די שיין פון מארגנשטערן — — —

דאס קעצל הארבעט זיך־אויף מיט א פורדרשקע אף — נייז.
עס גיט דאס געשטעל א צי־אוים מיט א צעוויג
הין־און־קריק באגלייט מיט א מיא־א־א. —
ווי א קאלי טירל מיט א זאוויסעדיקן סקריפ.
אלע בייטלען אוים זייערע כאליימעם: טפו, צו דיין קאפ . . .

באנאכט האסטו זיך אויפגעכאפט מיט שרעק און גוואלד —
א כאלעם א בייזער: דער זיידע מענדי, דער קאיסן,
האט געריסן דאס קינד פון דיינע שוואכע הענט.
די באבע מילקע האט געגוואלדעוועט: „אלטער פעטאר" !
שאלעם געמאכט האט דער פאסטאווער ראוו — זיידע מאטעס.

אויב מע וויל, איז עס ווער־און־כאלעם, מאמע מיינע.
א מענטש לעבט א לעבן א נאוועגאדן
ניט סטאם — מע האט אונדז געשיקט אין דער וועלט
צו זיין אף שטענדיק צווישן שאלעם און קריג —
דער ווינט וואס יאגט זיך דורך געדיכטע פאליסאדן . . .

אין דער וועלט אַריין

א

איידער אַ קינד ווערט געבוירן
ווערט אַנגעזאָגט אין אַלע וועלטן —
די רימאַך אייוורים פון דער מאַמען.
סע קנוילט אַ באַסקאַל אויף
און צעקויקלט זיך אין אירע גדערים
און רופט מיט אַ שרייענדיקן אָנזאָג אויס
דעם וויא־דאָלאָראָזא וועג. —
ווי דונערן און בליצן פאַר אַ שלאַקס רעגן,
וואָס דאַרף ברייגגען דאָס גערעטעניש בלויז.
אַט פונקט אַזוי, דאָווקע געריכטערהייט
צעדונערט זיך דער לעצטער ווי־אָנזאָג
דאָס אָנקומען פון אַ נייעם נפֿעש. —
קרעכץ נאָך קרעכץ — שרייענדיק.
ווי נאָך ווי — צאַנקענדיק.
אוי נאָך אוי — שיפּענדיק.
שטראַלט דאָך אויף דער אָנזאָג:
מיר קומען, מיר קומען, מיר קומען
אַף דער וועלט — אין דער וועלט אַריין . . .
און עס ווערט זיכער און גלויביק
אַז אויך „ער" וואָס מיט אים אַף אייביק
דאַרף דער לעצטער „ווי" פאַרשטומען,
וועט קומען, וועט קומען, וועט קומען —
אוואָדע וועט ער קומען — — —

טינקל-טונקל, טונקל-טינקל

ב

איידער אַ מענטש דאַרף שטאַרבן
ווערט אַנגעזאָגט אין אַלע וועלטן —
די רימאַך אייוורים פונם אייגענעם קערפּער.
עס ציט אַ שלויער באַסקאַל אויס
דעם מאַמענטאַ מאָרי:
גרויס, גרויס, גרויס איז די שויס
וואָס ראַמט־אַוועק און נעמט אַריין
אין איר הוילער פּוילער רו —
גערדיינק די רו . . . רו . . . רו — גערדיינק . . .
וואויל איז דעם וואָס ווייסט עס
און אין זיין פאַרהאַוועטדיקן וויסן
פאַרגעסט ניט אַף אַ בליקווייל
אַז שטענדיק איז מען צוגעגרייט דערצו.
שטענדיק, שטענדיק, שטענדיק.
ווארום אַלץ גייט דאָך אַזוי פּראָסט,
אַזוי פּאַשעט און רוי ווערט אַנגעזאָגט דעם מענטשן:
(אַ דעם וואָס טוט שעלטן צי אַ דעם וואָס טוט בענטשן)
ווי בלעטלאַך וואָס דרייען זיך אין ווירבער —
„גיכער, גיכער, גיכער".
ווי זאַמד וואָס טראָגט זיך אום אַף בורעס —
„אַרויס, אַרויס, אַרויס".
ווי צונטער אַף אַ ברעג צעצונדענעם הימל —
„דרימל, דרימל, דרימל".
ווי רויך שטיקנד — אַז אַ פינקל —
„טינקל־טונקל, טונקל־טינקל" — — —

מיין קריסטלאַכער שאָכן

דו שנעל־אויפּבּרויזיקער קריסטלאַכער שאָכן מיינער,
וואָס באַגלייטסט דיין געשפּרעך מיט:
„גאָד דעמיט! וואָט דע העל און בייז שין" . . .
(סאַי בּיזט פּול רעציכע און סאַי בּיזט פּריילאַד) —
וואָס קאָן איך טון פאַר דיר, וואָס?
אַז דיינע מייסים — די בּלוטאייגענע — באַוויינסטו גאָרניט!
פאַרקערט: באַפּודרעסט, באַשוכסט און באַקליידסט זיי,
באַצירסט מיט אַלערליי זייד און גאָלד־אָרנאַמענטן דעם מעם —
אַזוי רייך פּוצן מיר זיך ניט צו אַ סימכע אפילע . . .
כלעבן, מיין קריסטלאַכער שכן, שנעל־בּרויזיקער ברודער מיינער,
סאיז מיר עפּעס פּריקרע . . . נאָר פאַרט . .
אָבער וואָס קען איך טון פאַר דיר?
נו, טאַקע, אַז דיינע מייסים באַוויינסטו ניט ווי מיר — — —

מיין קריסטלאַכער שאָכן וואָס באַגליידסט דיין געשפּרעך ווי שוין
אויבן געזאָגט,
(סאַי בּיזט פּול רעציכע און סאַי בּיזט פּריילאַד) —
בּיזט דער אַריסטאָקראַט פון אַן אַנגעטשעפּעטער „עסטעטיק".
און ווידער, איז דאָס אויך ניט מער ווי אַ ציוויליזירטע באַמבּלדיקע
טראַדיציע:

שוואַרצע שיכלאַד, שוואַרצער זייד.
מוזן פאַר קליינוואַרג ווי פאַר דערוואַקסענע מוידן און ווייב,
פּינקטלעך, אינם זעלבּן טאָג נאָך
(ווען דער בּלוטאייגענער זיין נעשאָמע הויכט אויס) —
עקזאַקט צוגעפּאַסט ווערן צו זייער ניט־טרויעריק לייב . . .
די סימכע צעפּלאַקערן הויבּט זיך אַן אין די לעצטע מינוטן פונם
גויסעסדיקן ראַנגלען.
דער טעלעפאָן, רופנדיק די פריינט, ווערט אַנגעהיצט פון קלינגען.

דער קאַברעז, מיט אַ שמייכלענדיקן פּאָנים פֿון אַ קרענצלער,
קלינגט אָן און פֿרעגט צי האָט דער בלומענמאַן דעם בוקעט געבראַכט,
ווייל ער וויל אים טאַקע טייקעף אויפהייענגען אַף דער פֿראָנט טיר.
פֿריינט מיט קוישלאַך פֿול געפּאַקט מיט גוטע זאַכן,
קושן זיך מיט די אַווילים באַם אַריינגאַנג,
גרייטן טישן און נעמען מיט דער גרעסטער גאַלאַנטקייט באַדינען.

די לופֿט אין שטוב ווערט פֿול מיט הייסער אַטמאָספֿערע:
מ'ווייזט זיך שוואַרצע שיך און קליידער מיט קרעפּדעשינענע וואואַלן,
מע טאַפּט, מע מעסט און מע ווייסט ניט וואָס אַפֿריער צו שאַצן . . .

נאָר דו נעבאַך, שנעל־אויפבראַוזיקער קריסטלאַכער שאַכן מיינער,
וואָס באַגלייטסט דיין געשפּרעך מיט:
„גאָד דעמיט! וואָט דע העל און בייז שין" . . .
(סאַי ביזט פֿול רעציכע און סאַי ביזט פֿריילאַך) —
מוזט איצט זיך האַלטן שטייפֿגעדראַטעוועט — אָן אויפבראַוז.
אַזוי פֿאַרשטייסטו צו שעצן די אַבשאַי פֿאַר שטאַרבלאַכקייט,
אַזוי באַגרייפֿסטו דעם איבערגאַנג פֿון איין לעבפֿאַרעם צו אַ צווייטער,
אַזוי פֿאַרנעמסטו מיט דיין סענסום דאָס שווער־געפֿיל מיט שרעק
פֿאַר „טויט" . . .

איז דאָך אין מאָמענטן אָט דאָס גאָר שיין,
צי עפּשער נאָך גאָר אַנדערש אויך:
דאַכט זיך, אַז דו ביזט צו דער מאַדרייגע: „העכער פֿון דער
מוירע זיין" דערוואַקסן.
און אַז צייטנווייז — ווייסט עס ניט — ווייל דו קאָנסט עס גאָר ניט וויסן,
ביז איך דיר גאָר מעקאַנע אַף אַ דער אַ טראַדיציע
און קוק מיט אייפֿעריקער סינע אַף דיין „עסטעטישער" פּראָצעסיע
פֿון לעוואַיע־שפּיל . . .
נאָר פֿאַרט, אַז דיינע מייסים באַווייזסטו ניט, טוסט זיי ניט באַקלאָגן,
ווייסטו דאָך ניט ווי באַ אונדז פֿירט זיך?
טאָ ווי קאָנסטו אונדז פֿאַרשטיין?

באַ אונדז: מיטן לעצטן גסיסע־כאָכל פונם בלוטאייגענעם,
זאַמלען קויכעס זיך אָן — די גרעסטע —
צעברויזן ווי צעלאָזטע פידלען
די „אַנדאַנטע" פון אַלע אייוורים אונדזערע באַ דעם בלוטאייגענעמס
פטירע.

זיי קויקלען אַרויס פון זיך אַלערליי פאַרשטיקט־געשמערצטע יאָמערם —
מיט אומגעדענקט־צעריטשעטע קוילעס וואָס רייסן־אויף ווענט און סטעלי
און געבן אַלעמען צוּוויסן אַז דאָ ליגט אַ טויטער.

און דערוואַקסענע, וועלכע שעמען זיך נאָך ניט צו וויינען און צו
קלאָגן גרונטלאַד,
קאָנען גיריק האָבן אַ גערעכטן טערעץ פאַר זיך־און־לייט,
מאַכן גוואַלדן פאַר־זיך־אַליין, צי גאָר פון כאַר־אַרויס פאַרציען זיך
אין אַלערליי צעשפּריצטע גערימשן — ביז צום פאַרטייעט ווערן;
צי גאָר אין שלויע סלונע־טריפנדיקע מאָנאָטאָנע קוויטשן,
וואָס צערן אַלע זאַפּאַסן מיט ענערגיע אויס
און מאַכן אַלע אייוורים ווייך אפן גוף און לויז
בלייבנדיק הייגגען שווערוואָגיק נאָכגעלאָזן צו דער ערד אַראָפּ
ווי נאָך אַ רעגן דורכגעווייקטע טרויעריקע פאָנען . . .

און איצט, שנעל־ברויזיקער קריסטלאַכער שאָכן מיינער, פאַרשטיי:
אַז דאָס איז אויך אַזאַ מין שיינקייט — אַ מוירעדיקע שיינקייט,
זי איז אונדזער העכסטער גראַד עסטעטיק, –
עמעס, סאיז פאַרצווייפלט־שיין, דאָך אייגנדיק־עמעס —
טיף־אָפּגרונטיק־עמעס. — — —

האָריזאָנטישקייט

קאָליר, מאַגיק און זעאונגעז.
ווייט, ווייט, ווייט.
אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ — האָריזאָנטישע פאַרבײנקטקייט . . .

מעשׂנטעלערדיקער בראַזג — שטאָט־לעבן!
כאַאָס — אונדזער ביסל יאָריק רעזידענץ.
פאַרריזנעט שטעקן מיר אין דעם ביז די פּאַכוועס!

מיר גייען אַרום מיט רייד אין אונדז — ניט־דערזאָגטע,
ווי שעפּסן אין טאַמען, מיט ניט־דערשווירענע קודלעס,
ניטאָ קיין לידיק פּאַר אונדז אינם לעבן דאָ . . .

קיין דינקייט אין אונדז איז אויך ניטאָ —
אַלץ איז נאָר טעמנער פּאַטום, פּאַטום, פּאַטום . . .
בלויז אין אויפגעקניפּטער רו
זעט זיך די אויפגעלייזטקייט אָן:
אַז אַטאָם, אַז אַטאָם, אַז אַטאָם;

דין, דין, און דינער;
און נאָך דינער פון דינסטער דין,
איז דער פּאָוועטיניע־שטריך בײַ אונדז
וואָס ליניעט זיך פון אויג־צו־אויג
ביז צו דער האָריזאָנטישער פאַרבײנקטקייט —
און אָט־דאָס — האַלט אונדז אויף.

דאָס לעבן איז קראַנט

אַ שיין און אַ בליץ און אַ קנאַל,
אַ קראַד און אַ בראַזג און אַ פּראַל!

אַ ציש און אַ בליץ אין דער הויך,
שטייגט־אויף ווי פון אַפּפּער דער רויך!

אַ יאַג און אַ שפּאַר אין דער ברייט,
מענטש בליקט שטום — אַ הילפּלאָזער שטייט!

אַ קלינג און אַ בריל און אַ שטעל,
ווי אַ וויכער, הילף קומט אַן שנעל!

אַפּ, אַפּ, שפּרינגען אום פייערלייט,
אַפּ, אַפּ, פּאָליציי בא דער זייט!

הייבן־אויף, קלייבן צו — אַף גיך!
אמבולאַנס — גלידער שלינגט אין זיך . . .

אַ פייף און אַ ווייז מיט דער האַנט,
אַ יאַג און דאָס לעבן צוריק ברויזט קראַנט — — — —

אונדזער שטענדיקער געזאַנג

צווישן מעטאַלענעם געבראַזג
טראָגט זיך אום אונדזער ציטערדיקע שטים —
אונדזער קלינגענדיקער רעזאַנאַנס.

צווישן אייזן, ציגל און צעמענטיקע קובן
בלאָנדזשעט אום, אַ פאַרהאַלטענער, אונדזער בליק —
אונדזער דיכטערישער בליק.

צווישן דעם ווירוואַרישן געטומל פון גרויסשטאָט
הויכט אַרויס זיך אונדזער וואָרט —
אונדזערע פערזנדיקע רייד.

העכער פון די שאַרפגעשפיצטע מויערדיקע בלאָקן,
ווייטער איבער בוכטן, יאַמען, אָקעאַנען,
אימפּעטדיקער פון די ווינטן פונם מיט־וועסט
טראָגט זיך,
יאָגט זיך,
שאַלט עס,
קנאַלט עס —
צוזאַמען מיט די קלאַנגען פון טויזנטדיקע באַנען,
צוזאַמען מיט די ריטשנדיקע קוילעס פונם שעכט־הויז,
צוזאַמען מיט די קוויטשנדיקע ליאַרעמס פונם דאַנינג,
צוזאַמען מיטן ראַש פון דער מיליאַנענדיקער מענגע

וואָס שטופּט זיך,
רוקט זיך,
ברויזט זיך,
שטויסט זיך,
אינם פּעטן טשאַד און שווערן רויך פון פאַבריקן, —
שלאַנקט זיך,
בלאַנקט זיך,
גלייך מיט אַלץ וואָס וויכערט,
גיכערט;
איינצעלנע אין פּילע, פּילע אין אַ מענגע —
אַט ערשט:
אין אַ פאַריזניטער קופּע
און אַט שוין:
אין אַ שטראַמיקער שערענגע —
סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט, סיי באַגינען:
קלאַנגען,
פאַרבן,
רוישן,
טוישן,
מענטשן און מאַשינען;
קריצן,
גרילצן,
דזינדזשען,
קלינגען,
טראַמבען,
מעקען —
צווישן גאַזן, שווייסן און פּאַרפומען
פון פערד, מענטשן און פון אַטאָם —
אַן אייביקער סאַמבאַטיען־קאָך
וואָס וואַרפט זיך אַלע טעג אין וואָך . . .
עס שרייט און קוויטשעט,
עס שפּריצט און ריטשעט
מיט אַ מעשוגענעם געשריי
פון די נייעס־יונגען —
שפּרינגענדיקע פּליי! —
ס׳איז דורך און דורך

א אידיאָטישער געדריי
דורך זוד און שטורד . . .
עם גאָוועדט,
און אָוועדט,
מיקראָפאָנישע שטראָמען:
פון אָקס,
און מויל,
און שרויף,
און אַנטאָנע,
און אָנגעגליטע פאָן
מיט „האָט דאָגס" געשריי
וואָס פּרעגלט זיך אין די צען־סענט־קראָמען.
דורך דעם און דורך אַלץ
פון אַראָפּ און אַרויף
דורך מאַגישן
בלענדן און מישן
דאָס רווישיקע וואַלץ
בייסט זיך,
רייסט זיך,
(מיטן שטאַרקסטן אַזוס)
אונדזער דורכגעלייטערטער געדאַנק.

עם פליט אונדזער אַלטער פּעגאַזוס
נאָר איצט,
אויף זיין גרייווע און רוקן,
זיצט שענער ווי פריער
דאָס נייעסטע אידישע ליד — — —

העכער פון די שאַרפגעשפּיצטע מויערדיקע בלאָקן,
ווייטער איבער בוכטן, יאַמען, אָקעאַנען
אימפּעטדיקער פון די ווינטן פונם מיט־וועסט —
דרייט זיך,
ווייט זיך,
ברייט זיך,
לענגט זיך,
דאָס ניי־ברוויזנדיקע ליד פון די שיקאַגער,
דאָס ווייט קלינגענדע געזאַנג פון אַלע זינגענדע געזאַנגען . . .

באַנגלאָקן

באַנגלאָקן פּרימאָרגן — באַנגלאָקן.
באַנגלאָקן באַטאָג — באַנגלאָקן.
באַנגלאָקן באַנאַכט — באַנגלאָקן.
באַנגלאָקן — דורך באַנגלאָקן
קלינגען אויס גלאָקנדיק,
גלאָקן אויס קלינגענדיק,
הוידען אויס — שווינגענדיק,
דאַמפן אויס — פּאַכעדיק
דעם דינאַמישן אָטעם
פון דער גרויסשטאָטיקער אייזנוויבּראַציע:

גלעקעריי מיט דאַמפּנציש,
רעדער־געבּרום מיט רעלס־געבּראַזג
וואַגאָן־געקלאַפּ מיט לאָקאָמאָטיוו־געפּאַד
ווירבּלען־אויף און פּאַריאָגן מיט עלעקטרישע בייטשן
די געלאַסנקייט פון לעבּן,
קעדיי די רעשט פון פאַרבּליבּענער רו
אָוועקרויבּן און דערוואָרגן . . .

דער כּאַלעל פון דער שטילגעוועזענער אויסגעפילטער שטילקייט
איז פאַרשטאָפּט געוואָרן מיט אייזן־געשריי
פון קריץ־ריציקן מאַשין־געבּריל און עלעקטריציטעט.

באַנגלאָקן פּרימאָרגן — באַנגלאָקן.
באַנגלאָקן באַטאָג — באַנגלאָקן.
באַנגלאָקן באַנאַכט — באַנגלאָקן.
באַנגלאָקן — דורך באַנגלאָקן.
קלינגען אויס גלאָקנדיק,
גלאָקן אויס קלינגענדיק
די אויפגעברילטע רולאַזיקייט פון אומרו,
דעם נערוועזן ריטם פון צערעוועטן מעטאַל!

— אַט דאָס איז אַ ליד אַזאַ!
אַ ליד פון מעטאַלענער מאַכט!
אַ ליד פון עלעקטרישער גוואורע!
אַ ליד פונם מענטשנס אייזערנע פויסט! —
דאָס לעצט־באַקרעפּטיקסטע געזאַנג פון אונדזערע טעג
וואָס רעוועט־אויס מיט אַלע העפטיקע קוילעס
דאָס אייזן־גרילציקע געריטש
פונם ערדישן קלאַנגן־פאַל!

באַן־גלאָקן פּרימאָרגן — באַן־גלאָקן.
באַן־גלאָקן באַטאָג — באַן־גלאָקן.
באַן־גלאָקן באַנאַכט — באַן־גלאָקן.
באַן־גלאָקן דורך באַן־גלאָקן
קלינגען אויס — גלאָקנדיק,
גלאָקן אויס — קלינגענדיק
דעם אומזין פון דער מעטראָפּאָליע —
דעם צילפּונקט צו ווערן
שטויב, שטויב, שטויב.

אף אייביק — טויב!

שטויב־טויב־רויב!

אייביק — רויב . . .

אייביק — שטויב . . .
אייביק — טויב —
אין שטוב, אין שאפ און אין גאס;
ראדיא, דזשעז און פייער־אינדזשען־געוואי, —
עס ציפט און קניפט און רייסט־אפ פון אונדז, אזוי,
ביזן העכסטן גראד — שטיקער מענטש — פאס נאך פאס — — — —

באנ־גלאקן פרימארגן — באנ־גלאקן.
באנ־גלאקן באטאג — באנ־גלאקן.
באנ־גלאקן באנאכט — באנ־גלאקן.
באנ־גלאקן דורך באנ־גלאקן
קלינגען אוים — גלאקנדיק.
גלאקן אוים — קלינגענדיק:
בים־באם — באם! באם־באם!
בים־באם — באם! באם־באם!

געבענטשט און געלויבט זאל עס זיין,
צעשטערט און פארשאלטן. — — —

אַרום זעכצנטע גאַס

אַט דאָ טוישעוועט אַמכאָ, וואָס דינט נאָך צו־גאַט־און־צו־לייט אַ פּרומט.
שוסטערלעך הענגען אַרוים שילדלעך מיט אַלטפּרענקישע ווענגערקעס
און ציען, ציען די דראַטווועס,
לעם סאַמע פּענצטער פון זייערע „פראַנט־רומס".
מויהאַלים, „היברו־טיטשערס",
מיט שילדלעך אין קרעמלעך פון צוקערקעס.

פון יעדן קעלער דיינעם זעצט מיט הינער־„שמינק"
וואָס דערמאַנט: באַרדיטשעוו, וואַרשע און בויבעריק.
זקיינים — כריין־רייבער — ווי עטשינגס אויף צינק,
דרעמלען, ווי אַלטע קאַטערס קעגן דער זון, אינם „צוריק"...

עס צוקערט פון יעדער יאַטקע און בעקער־שאַפּ,
(כוצ'ן רינדער און אויפעס־פליש, האַמאַן־טאַשן מיט כאַלעס),
דאָס אַנאַנסירטע „אידישקייט", ווי די פּעל פון אַ צעהיצטן צאַפּ, —
מיכאַלעסקעס „אידישער גענעראַל" שיינט זיס אַראָפּ אויף אַלעס...

געזעמלעך אידן קייסן זיך, רייסן פּאַלעס יענעם איבער פּאַליטיקע;
שפּייען קלעק אויף רוסלאַנד, קאַמוניזם,
יאַנצנדיק ווי אַ שפּרינגענדיקער מיאַטש —
שפּרינגען צוריק און פאַרוים מיט פיענעדיק קוויטשען — מאַרבידיקע.
האַוואַיעדיק טייטלט אַ רעוול מידאַוויריסע
דעם „קוריעצניק'ס" נייעס־קוואַטש.
דאָ מאַכן זיך נעסטלעך דירעס אין די נאַסע פּופּיקלעך
וואָס ליגן נאָך אויף די זאַלץ־ברעטלעך...
ביינאַכט, ווען קליינע קינדער צעקוויטשען זיך: „עס בייסן זיי שטשורעס",

טרייבט דאָס געעפנטע ליכט די קאַקראָטשעס
צו זוכן נעסטן אויפן קוילעטש מיט פּלעכטלעך, —
צעשראָקענע טאַטע־מאַמע, כינעזער אין קאָמבינאַציעס,
שפּרעכן אייעך־האָרעס.

אין יעדער דריטער הויז איז פאַראַן אַ איד פון אַ פיש־מאַרקעט.
ער האָט אַ פאַרדל. ציט ער עס אָן? איז גלייך ווי ס׳וואָלט מאָלן קאָרן . .
עס טשאַדעט, עס פאַררויכערט די גאַס, עס ניכפּעוועט און טאַר־ר־ראַכקעט!
מיינט איר דאָך אַז ס׳פאַרט? כאַלילע!
עס ציטערט „טאָמער” וועט עס פאָרן.

דאָ האָט אַמאָל, אַ ריזשעוואַטע אידל,
פאַרן שטאָפּן טוירע, געכאַפּט אַ מיעסן פּסאַק.
אידישקייט פלעגט ער לערנען. —
ס׳איז גראָד אויסגעפאַלן די סעדרע שמיני —
טאַקע אַ פּאַסקודנע סעדרע פאַר לאָבוסעס!
יעדערער — אַז עוג מלך הבשן. אַמעריקאַנער „סטאַק”!
נו, האָט מען זיך צוזאַמענגערעדט אויפן גילדענעם לאַשן
און צעמיימיסט דעם גרינעם „שיני”. . .

זייט דאַמאָלסט לערנט מען „היברו־ב׳אַנגלים”
אינם „סעלער” פון קאָנגרעגיישאָן,
אַפילע מיט די צוקונפטיקע זשאַבאַטינסקעלעך,
קינדער פון די אולטראַ־העברעיער.
אויך לערנט מען שוין די „דזשואיש היסטאָרי” — אַנהויבנדיק פון גוישן.
און מען שמועסט יאַגבע, אַז ביי דער טיר
האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ פּאָליציייער. . .

אַי, אידן, אידן, אידן!
ס׳האָט אונדז דאָך שטענדיק אויסגעפּעלט אַ האַמער,
וואָס דאַרף, וואָס מוז, וואָס זאָל אָנשרייבן די גרויסע אידישע איליאַדע!
טאָ שיק דו, אָם האַסייפּערניק, דיין קינד
אינם „קאָנגרעגיישאָן־סעלער”, טאָמער. . .
כ׳וויים? אַ איד דאַרף נעמען אַ „טשענס”!
פאַר אַ האַמער? נו, געוויס, אַוואַדע!

אַט דאָ וואוינט האַמוין! האַמוין! האַמוין! —
פון אַנהויב ביז סאָף!
גליקמאַנס טריאַטער אוידיענץ, אַליין דאָס שפּיל און דאָס געוויין...
ס'איז פאַר רעוולער, רעפּאָרטערס, פּאָליטישענס, אַ מאַכיניע
וואָס גיט — שטאָף!
אין גאַנצן פונם „פּייפּער״-שפּראַך, גאַר די קאָנקורענץ אַליין...

פון שאַבעס האַלבן טאָג, ביז זונטיק שפּעט ביינאַכט,
זיצן ליאָלקעדיקע מיידלעך אויף דרענגלער —
צוימען פאַר ניט-ארויסגעשפּראָצטן גראָז —
דרייען די הערלער און קנאַקן, קנאַקן קערלער.
ציען די פּיסלעך מיט שיפאָנענע זעקלעך
און קוקן אין שפּיגעלעך אויף די געפאַרבטע ליפּלעך.
קוויטשען ווי ליידנשאַפטלעכע פּאַפּוגעס,
קאַנקאַנירן פּידיריש און קנאַקן, קנאַקן אונאויפהערלעך.

דאָ עסט דער יונגער דאָר פּעטשע, טשאָלנט מיט קוגל
פּונקט ווי טאַטע-מאַמע,
נאָר מיידלעך מיטן „טרו סטאָרי מעגעזין״ ביים זייט,
טאַטע-מאַמע מיט אַלטע געלע סידורים
און די אינגלעך, איבער „דעטעקטיוו סטאָרים״.
ס'איז די אַלטע שאַבעסדיקע פּאַנאָראַמע
פול מיט סעקס, מיט מאָרד און טפילעס.
אַלע — אונטער גאַטס איינ-סאָפלעכן אָרעם...

דאָ לייענט מען נאָך אויך „גלות מאַסקווע״ צעצויגן ווי אַ ציטאַט.
(אַ פּאַקנטרעגער, וואָס האָט שוין גאָט זיי דאַנק אַ „סטאַרקע״
מיט ציצעס, מזוזעס, גיט עס אַרוים אויף אַ האַלבן טאָלער בלויז פּריקאַט)
שאַבעס נאָכן קוגל, ווען טאַטע-מאַמע רוען,
טאַנצן פאַרזעסענע מוידן אַ מאַזורקע.

דאָ לאָזן זיך נאָך אַלץ, אַקאָרעס, שרייבן רייניקייטן — צו לעהאַכעס סאָנים
דער פּרעזידענט פון קאָנגרעגיישאָן,
נעמט אַרויס אַ „טשאַרטער״ די גאַס אָפּשפּאָרן,
און אידן, נידן, מיט די הענט אויף הינטן,
מיט די הענט צום הימל, טאַנצן אין פּאַנדאַמאָנים.
אַי, זאָל נאָר דאָ אין לאַנד אַ קנאַל טאָן מיט רעוואָלוציע
בלייבן וועט איר ווי אויסגעלאָשענע פּאַנאָרן.

ניו יאָרק — זשאַרגאָנישע שטאָט

ניו יאָרק, ביזט אַלעמענס פאַרנארער —
טײַלסט שרעק־און־טומל ווי א גילאָטיניע.
פאַר אישואוניקעס — א הימל־אונטערשפּאַרער,
פאַר זיך אַליין — צעהאַנגענע פּאוועטיניע...

ניו יאָרק, ביזט נאָך אַלץ פּאָפּולער
ווי דער שונד־ראָמאַן ביים פּראָסטן פאָלק.
האָסט ניט קיין אָריגינעלן סטיל פּונקט ווי ער
און ווידערהאָלסט זיך אַז א שיער און אַז אַ טאָלק.

ניו יאָרק, ביזט ווי א שוישפּילער
מיט אַן אָנגעקלעפּטער באָרד;
א מאַטעמאַטישע פּראָבלעם ביי א פּליסיקן שילער —
ביזט שפּיציקער ווי די אייזבערג פונם נאָרד.

ניו יאָרק, עס פרעסן דיך די לייז פון ליטע
און גאַליציע קוויטיקט דיך מיט פּעטשע.
אָט, א טעמפּל, גרויסט זיך מיט א ביינדל: ביטע, ביטע.
און אָט, אַ טראַכאָמיק קלייזל, שפּייט אויס „אַליינו" — טפּע!

אוקראַינער בעלעבעטשען א „גערינטן" אידיש,
רעוולעד שפּרעכן א שלוקערצדיקן בומעש־טייטש,
ראַדיקאַלן זינגען רוסישע לידער — עבט כסידיש
און דער „קעסטל־רעדנער" קנאַלט ווי מיט א בייטש...

ניו יאָרק, דו פירסט אַ סייפער־טוירע צו דער כופּע
און פּאַרסט זיך מיט פּאָליטישענס — פּריי ווי הינט!
מע פּיקעוועט און מע בּאַלט אין מאַרש אויף אַ קופּע
און דו? אַ שאַרבן מיט אַ פּאַפּירענער היאַצינט...

יוניאָן סקווער שפּריצט מיט פאָספאָר ווי אַ גייזער,
און ריווערסייד גלעט דעם האָדסאָן ווי אַ געניטער אָרגעניזאַטאָר,
ווען ער זעט, אַז זיינע רייען כוואַליעס ווערן בייזער————
איסט בראָדוויי מיט פּיפּט עווענין, אַ גראַם ביי אַ זשאַרגאָניזמאַטאָר.

ניו יאָרק קעדיי מיין פּעטער, דער ראָוו, זאָל ביי דער „יורע דייע״
ניט איינשלאָפן, צעשפּרייט ער איבער איר דעם „פאָרווערטס״
און לייענט אַפּעטיטנע די פאָרזעצונג פון ראָמאַן: „די אידישע פּייע״.
אָט אַזוי, מיין פאָלק, קנעטסטו געשיכטע פאַרן צוקונפטיקן גרעץ...

וואו ערגיץ ביי דיר אַ שמעגעגע קרוינט מען: פּאַרלעגער,
מע בּאָרגט זיין נאָמען ווי דער הון — אַן איי...
ער וואָרעמט אוים אַ בּלוטטראָפּן און דאָס געלעגער
בּלייבּט שוין אויף אייביק אַן אָנדיינק פאַר אַ אידישן מוזיי!

ניו יאָרק, ווען כ׳האָב געזען פוילן דאָס בּידנע פאַרמעגן
פון דיינע דיכטער אויף דער צווייטער עווענין, אין אַ געשעפט,
זיינען אַלע אידישע גאַסן געוואָרן ביים־אוילאָמדיקע שטעגן
און איך — אַ דאָן קיכאָט! אַ גער — פון אַלעמען געפּלעפּט!...

די באַנען אין דיינע היילן וויינען דאָס געוויין פון אַ גוילעם:
ציגל־אייזן־ציגל! ציגל־אייזן־ציגל! ציגל־אייזן! ציגל־אייזן!
די מענטשן שאָקלען זיך אין אַ שיגאָיען־וויג: בים־באָם. קרום־לאָם.
אָ־אָה, די שטאַרקע מענטשן, אַדי וואָס ווילן מער ווי ניסים באַווייזן!

ס׳איז דאָך ניט שייך צו זאָגן: כ׳האָב גענומען וויינען
אַמאַי דאָס גאַנצע לעבן דיינס איז אַזוי געפאַרבּט זשאַרגאָניש,
אַז צום שלימאַזל נאָך פאַרמאָגט עס אין זיך קאָמישע ביינען
און איך, אַ אידישער פּאָעט, האָב עס ליב, כאָטש ס׳איז דיסהאַרמאָניש...

עקצע האָמאָ

מיר
(פּרעלודיע)

אַ ערד, דו ביזט בלויז דער מיזבייאַך פאַר אונדז
און מיר — די האַלצן און די קאָרבאָנעס,
די צינדער און די פלאַמפייערן,
די שלייפער און די געשליפענע מעסערס,
די זינדיקע און די הייליקע קויהאַנים,
די ערגסטע ברוטאַלישקייט פאַר זיך אַליין
און די העכסטע איידלקייט פון גאַלאַנטקייט
זיינען מיר, מיר — ניט קיינער.
מיר, די שינדער און די געשונדענע:
די געהאַרכזאַמע קנעכט און די נויגשים וואָס רעגירן:
די היינקער און די געהאַנגענע,
די ריכטער און די פאַראורטיילטע:
מיר — די גאַנאַווים, גאַזלאָנים און די געטייוולטע צאַדיקים;
היפּאָקריטן, וועגערידן, און די געלייטערטע באַליטשואוועס...
אַן איינציק־פלאַקערדיקער קאָרבן אויפן ערדישן מיזבייאַך
פון אַלערליי פאַרביקע שאַטירונגען און רעפלעקסן,
זיינען מיר, — די ערגסטע פּראָאים אויף דער וועלט...

וואַסער־צויטן

ווי וואַסער־צויטן פון סטריכעס —
פאַרפרוירענע פון ווינטיקע פראָסטן —
פאַלן מיר שפּיז־שטעכיק
איינער אויפן אַנדערן גלייך אין די אויגן אַריין
און טויטן זיך מיט פראָסט־קאַלטע שאַרפן פון פאַלירטן שטאָל —
עס מעג ניט אָדער יאָ שיינען די זון איבער אונדז —
אַי, די ליכטיקע זון...

פלאַם־צויטן

ווי פלאַם־צויטן פון אַ גלוטיקער סרייפע
וועלכע פאַרצערן מיט פייערדיקן אימפּעט
זייער קעגן געלייגטן קאָרבן, —
ביזטו אויך אַזוי, אָ, נעשאַמע מיינע ———
איך בין ווי אַלע אַטעמדיקע
אינם גאַנצן אוניווערסאַלן לעבן
וואָס פאַרצערן זיך מיט אַ שווינגענדיקן אימפּעט
פון אַן אויפגעבייטשטן זיגזאַג בליץ —
ס'מעג יאָ אָדער ניט זיין וואָלקנדיק איבער אונדזערע קעפּ...
אוי, וואָלקנדיק ———

ביינערנע עכאָס

(מיינע בלוטאייגענע צום ליכטיקן אנדיינק)

און ערגעץ — אין פּוילן צי אין אוקראַינע —
איר הערט?! הערט, הערט!
ערגעץ — אויף א באַרג צי אין א טאָל —
(כ׳בין זיכער ס׳איז מיר און אייך אַלצאיינס) —
געבליבן איז א ווייִשעט פון אַן אַלטן טאַטן
נאָך ניט־גאַנץ־דערשניטן,
צי גאָר א ווייטן קאָרעווס העגט צעבראָכן,
צי פאַראומגאַנצט די בריסט פון א אינגער מאַמען,
צי פון א... אָ, גייט אייך גייט!
ס׳מאַכט ניט אוים —
ניט מיר,
ניט אייך,
ווי אַלט, ווי יונג און אויך פון ווענען.

און ריטשקעלעך מיט איינגעשטעלט בלוט,
וואָס האָבן פאַרמאַסטן זיך
צעאויפגראָבן די גאַנצע ערד,
צעאומגאַנצן די גאַרע וועלט,
קעדיי פריי זיך קאָנען וואַסערן אין נעסט־ליוזשן —
אָדער שטרעבן צו ווערן גאָר א טייך!
און אויב מעגלעך — א יאַם!! —
ס׳מאַכט ניט אוים,
ניט מיר,
ניט אייך,
א טייך — צי א יאַם.

א יאָם — צי אַ טייך. —
אַ, סאַם! סאַם! סאַם!
מיר — און אייך.
אייך — און מיר.
אַזוי זיך — סטאַם!
צי ניט סטאַם!

מיר און אייך — סאַם!
אייך און מיר — סאַם!
און איבעראַל...
און אומעטום...
און איבעראַל...
און אומעטום...
און...
אַ, וויכט אַפּ צו אַלדי רוכעם!
ציט אַפּ צימאַלס, איר פּלאַנטער־רייד
און לאָזט מיר זאָגן וואָס איך פיל!
און לאָזט מיר זאָגן שטילערהייט
ווען ס'העלפט ניט שרייען אויף אַ קול! —
אַ, לאָזט מיר זאָגן שטילערהייט...

ערגעץ אין אַ ראָוו —
צי גאָר אין אַ מיט פון אַ ברייטן שליאַך —
ליגט זיך לייבלאַכקייט אין הויפנדלעך,
אין הויכן ווי די סקערטן היי —
און זיכער נאָך אַז העכער אויך;
נאָר ווער וועט נעמען מעסטן זיי?...
אַ, ווער וועט וואַגן ציילן זיי! —
נאָר ווייל זיי זיינען לייב מיין לייב!
נאָר ווייל זיי זיינען ביין מיין ביין!
און עס צירקולירט אין מיר פון זעלבן בלוט —
זיינען זיי מיר טייער פיל, אוי־ווי!
זיינען זיי מיר ליבלעך שטאַרק, אוי־ווי!
רוף איך, אוים שטאַרקער ליבעניש,
מיט אַ פּאַרצערטלעכקייט, „הויפנדלעך” זיי אַן...
אַ, קופּעס־הורבעס־הויפנס

ווי סיגלען אויף אַ שמירע־מאַצע אויסגעלייגט:
רעכטס — אַ זיידע. לינקס — אַ באָבע.
אונטן — פעטער־מומעלעך.
רעכטס — אַ טאַטע. לינקס — אַ מאַמע.
אונטן — קינדערלעך.
און ווייטער? נאָך און נאָך — אַ סיידער פיין, אוי־וויי! —
ס'מאַכט ניט אויס;
ניט מיר,
ניט אייך,
אויב ס'איז כאַלילע אַנדערש — ניט אַזוי.
אויב ס'איז עפּשער ברייט און לאַנג —
אַזוי ווי פּיראַמידן אויפגעשטעלט
וואָס בילדן אַ משופּעדיקע וועלט:
מיסטגראַבנס פאַרטאַפּטשעט ענג,
איז אין מאַסן פול מיט אונדזער לייב.
און ווינקעלערס מיט אייגן בלוט —
געצאַפּט פון אַ געניטן ברוט —
ברויזן אויף דאָס שוואַכסטע האַרץ!
צינדן אָן דאָס קאַלטסטע אויג!
מאַכן דרייסט דעם דינסטן ביין! —
און שרייען שטום!
און שרייען טעמפּ!
און שרייען — טויט! —
העי־העי! העי־העי! שמייסט אַלץ אוועק!
אויצרעס, דאַלעס, ווייב און קינד
און קומט מיט הילף צו אונדז אַצינד —
זאָל זיין ווי איר פאַרשטייט דאָס וואָרט —
דאָס טעמפּע אומגעדענקט־געדעוועט וואָרט:
געוואַ־אַ־אַלד!

דאָס טעמפּע אומגעדענקט־געדעוועט וואָרט:
געוואַ־אַ־אַלד! — — — — —

און ערגעץ — איז „ערגעצן אומערגעץ" —
אויף אַ ברוק,
צי אויף אַ גרינפאַרוואַקסן פעלד —

(כ'בין זיכער ס'איז מיר און אייך אלצאיינס) —
גריזשעט א ווידלגעוואָרן כאַזיר איצט
זיין גליטש־פּאַסקודנעם סטויפּן־שנוק
אין אַן אומגעפּליישטן טרוקענעם סקעלעט, —
און טרייסלט אים !
און טאַרקעט אים —
הין־און־הער.
הער־און־הין
קלאַפּנדיק מיטן גאַנצן האַרט־געביין :
קריק־טשריק־קריק !
קריק־טשריק־קריק ! —
איינער אינם צווייטן — ביין אַן ביין.
איינער אינם צווייטן — קנאַד און קנאַד —
איינער אינם צווייטן און אַלע אינאיינעם,
בראָד נאָד בראָד,
קלאַפּן אויס אַן אָפּגעהאַקטן קריי : —
קו־קו־ר־ר ! קו־קו־ר־ר !
קו־קו־ק־ק־ק —
און ווייסט דער טייוול ווי אַזוי נאָד !
און ווייסט דער בייזער רואַך
פון מיר און אייך,
פון אייך און מיר,
ווי ס'פּאַסט דעם כאַזיר דאָס רעטשעטיר
וואָס קומט פון זיין מולטער־שנוק אַרויס
אינם אויפטרייסלען דאָס סקאַלעטישע טאַצן־צימבל
וואָס איז פול מיט מוזיק,
מיט ריטם אַן אַ שיער —
(אַזאַ יאָר אויף איר) —
מיטן סקריפּ,
מיטן כריפּ,
פון סקעלעט־קו־קו־ריק —
וואָס רופט אויס אַ טשריק־בריק־קריק, —
אַ ק־ר—י—ק פון מיין אַלטן זיידן,
פון מיין גאַר־איינגסטער מומען,
פון מיין...
אַ, ס'מאַכט ניט אויס

ניט מיר,
ניט אייך,
אויב דער „קוקוריק־געקלאַנג" איז פאַלש
און איז ווייט פון שיינער קונסט צו זיין,
דאַך איז וועגן דעם אַלץ עמעס —
אַ, יאַ!
ס׳איז וואָר אַז דאָס איז ווייט צו זיין
וויאָלין־טשעל מיט פלייט־מוזיק,
און אויך אַפילו ווייט פון דעם
וואָס קינדער שפּילן אויף אַ קעמל אוים.
דאַך, האָט דאָס מיך אַזוי באַרוישט:
איך לויף אַרום און ציפּ מיין לייב!
און זשליאָק מיין בלוט וואָס מיך צעטוישט!
און שלעפּ מיין איינציק קינד און ווייב
און דריק זיי ביי די גערגלעך צו
און צווינג זיי זאָלן שווערן מיר:
„זיי זאָלן האָבן אַזוי רו
אויב אויף אַ רגע וועלן זיי
פאַרגעסן „קוקוריק׳ס" שפּראַך — — — —"

נאָכדעם, —
ווען כ׳האָב אויסגעשפּיגן
צו דער סטעלי־צו אַ קלאַלע,
וואָס האָט אויסגעמאַכט זיך דאָרט אַ בילד
פון עפּעס אַ מין מאָנסטער־ראָק, —
און איידער ס׳איז צוריק דער שפּיי
אויפן דיל אַראָפּגעפאַלן נאָך,
האָב איך אַרויסגעברומט פאַר זיך:
— אַזוי!
קוקוריק, שריי צו מיר! שריי!
„איצטער גרייט צו זיך.
באַלד קומסטו — אַ, אַ, דו קומסט! —
און פּלוצלינג!..."

פלוצלינג??
ה־ה־ם! פלוצלינג און ניט פלוצלינג...
העי, אוועק דו בייזער קוקוריק!

אזוי זיך סטאם,
ניט מיר,
ניט דיר,
וועט זיך אריינרייסן א מענטש אין טיר, —
א מענטש? ניין, — צוויי!
און עפשער גאר, א דריי?
כאפט דער טייוול זיי!
ס'איז מיר גלייך שוין סיי־ווי־סיי:
איינער, צוויי, צי דריי —
צי גאר נאך מער ווי דריי־מאל־דריי,
ס'איז אלצאיינס מיר סיי־ווי־סיי...
די זאך, — זיי וועלן זיין ווי איך!
אט דאס־א קרענקט, — קראפירט מיך שטארק —
וואס אויסזען וועלן גלייך ווי איך!
ניט אנדערש — — — מענטשן — — —
הם־ם — אוי־אוי!... הנ־נ—מנע? —
און עפשער אומאנדערש אין דעם מאמענט?...
נאר....
געוואלד—אוי—געוואלד, אט דאס,
איז ניט דער איקער פון דער זאך!
די זאך איז דאך גאר די:
וועלן הארגענען, הם, הארגענען! הארגענען!
מיך, מיין ווייב, מיין קינד —
און עפשער?...
יא!... און —
יא־און־ניין — צוזאמען!
עפשער מיך צולעצט?
כ'וועל זיך גראד ניט שפארן יעצט,
ווייל ס'קאן אויך זיין זיי רעכט אזוי —
ביי זיי,
די אנגערוקטע בייזע וועלף
וועלכע זיינען ווי פונקט דערפאר:

מיין הייסן לעבאַטעם אוועקשטיקן באַשאַפן
און פאַר מיין הויזגעזינד זיין
די היינקער און די ווערגער, —
איז רעכט אַזוי — אַז אַלץ איז רעכט . . .
איז רעכט אַזוי — אַז אַלץ איז רעכט . . .
איז רעכט — אַזוי רעכט — — — — —

העי, וועלט, דו וועלט — הער!
(מיט מויאַך צי מיט קאָפּ — ליבערשט מיטן אויער.)

אַט דאַמאַלסט:
די ביכער פון מיין אַלמער
וועלן ווי יעסיימים בלייבן —
אַך, יעסיימים, מיינע ביכער . . .
נעבאַך... נעבאַך — ביכער מיינע!

כוועל דאַך קיינמאָל שוין,
קיינמאָל אייך מער ניט האַלטן
און אַרויסלייענען פון אייך דאָס קליגסטע,
דאָס אויסדערוויילטסטע, דאָס עקסטראַוואַגאַנטע
וואָס קומט אייך פון מענטשן —
אַלץ — מענטשן!
ראַק — מענטשן!
אַבער, פאַרט און — ווידער מענטשן.

דאָס „קליגסטע" פונם מענטשן — הם־ם־ם!

שאַט, וואָס אַרט דאָס אייך?
נו, יאָ! מענטשן, מענטשן, מענטשן!
וואָס אַרט אייך אַז איך זאָג אַזוי?
דאָס רעדט דאַך אַ סקאַלעט —
דער אַלטער, אַלטער קוקוריק!
אַ טעמנע אייביקייט אויף אייך — — — —
ווען איך זע אייך איצט אינם צוריק!

ק־ק־קריק! כי, כי, כי, כ־כ־כ!

קו־קו־ק־ק־ק! איך בין די צייט
וואָס קייעט — צייט...

א וואַזשנער לייט! — —
בלויז פון איך אביסל ווייט.

שיק איך גרוסן טאַקע
נאָר צו אַ די
פון יענער זייט —
פון ניט הי...

ק־ק־קריק! כי, כי, כי, כ־כ־כ — — קר־קר־קר!...
— — — — — — — — — — — — —
אוי ווײ, גרוסן!

ס'איז גרוסן מיר
און גרוסן אייך,
גריסן אַלע אידן גלייך,
(צום איינטיילן זיך אַן קריג)
און אויך אַ גרויסן קוקוריק־גרוס,
דעם גרעסטן... דעם גרעסטעסטן...
דער גאַרער, בראַוווער וועלט!! — — —

פון מיר דאָס סקאַלעט־געשטעלט:
קוקוריק — — —

פּיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ

אַ געניוג שוין אַרומגעפּעסטיקט זיך אין אַ לופט פאַרמויערט,
אַלץ וואָס ס׳איז דאָ, זיין וועט אינם רוים מיט צייט פאַרדויערט.
בעסער לאָמיר אַ וועלטאויוון מאַכן — פאַרביק ווי אַ רעגנבויגן —
וואו אַלע וועלן מיר אַרום אים זיך קאָנען וואַרעמען,
רועז, וואַרטן קלוג און ניט ווי אַ דאַר האָפּלאָגע ליאַרעמען —
דעם הימל האָבן מיר דאָך לאַנג שוין צו דער ערד אַראָפּגעצויגן...

אַ, גענוג ליכט! נעמט אַוועק די איבערגעליכטיקסטע שיין!
אומאָנטשיידן לאָזט די פראַזע פון: יאָ אָדער ניט־זיין.
בעסער לאָמיר אַ וועלטפאַרהאַנג מאַכן — אַ שוואַרצע באַלדאַכינע.
זאָל זיין פינצטער! אַלע וועגן פון זיך זאָל מען פאַרשטעלן.
סאַי ווי סאַי וועלן מיר קיינמאָל שוין ניט וויסן וואָס צו וועלן —
טאָ זאָל מען דעם פאַרהאַנג פאַרציען — אָפּליידיקן די וועלט־בינע...

אַ, גענוג שוין אונדז געמויאַכט, געמוילט־און־געאַויערט.
אַלטס האָט ניים, ניים—אַלטס. און אַלצדינג — ווי אַ שאָם געדויערט.
לאָמיר איין ווייל כאַטש „טויב־און־שטום" ווערן אַלע, ווי איין גלייכן,
און העלפן אויסשווייגן דאָס ליד פון אומעקזאַקטלעכן קלערן,
ווייל אינם רוים וועט שוין באַלד קיין דיסטאַנץ מער ניט מעגלעך ווערן
וואוהין די איבעריקע רייד זאָלן קאָנען פון אונדז וויכן . . .

אַ, גענוג שוין ציען, הויבן זיך אין דער הויך.
בעסער לאָמיר אַ וועלטגרוב אויסהוילן אין ערדישן בויך,
(ווייל צום שוירעש קומען מוז דאָך אַלץ צוריק ווי הויך ס׳איז דערגאַנגען),
און די וועלט אַריינוואַרפן אַהין מיט איר גאַנצער געוועלטיקייט —
זאָל אַלץ צוריקפראַלן! פאַרזונקען אין טיפער, סומנער גרונטיקייט,
אין אַ שוים וואָס וועט מיט אַ זשעדנעם מויל אַלץ עמפאַנגען — — —

טויט-שטראָף

איך זאָג:
ווען ס'זאָל זיין שוין אפילע אנשטאָט א קאַבאַק
אויף יעדן ראָג אַ צענגאָרנדיקע ביבליאָטעק
און א שמייכל פונם אויפגעבראַוזטן אנשטאָט א פּאַטש אין צווייטנס באַק,
וועט נאָך אַלץ דערשלאָגן אונדז אָט־אַזאַ איבערגעשעמטער פלעק.

איך זאָג:
ווי פון בלאָנדזשענדיקע קאַראַוואַנען די טריט
וואָס פאַרווישט מיט הייסן זאַמד פון כאַמסין ווערן גיך,
אַזוי עניגמאַטיש צעמישט בלייבן אַלע מישפּאָטים — גערעכטע סיי ניט —
בלויז דער גרונטיקער וויי פאַרשאַרפט בלייבט, ווי מאַזאָלים אין ענגע שיך.

איך זאָג:
ווי א יוירעד נאָכן ערשטן בעטלען פּראַלט פון אַלע טרעפּ,
אַזוי פּאַלט אַרויס דער „ווערדיקט" פונ'ם ריכטערס מויל
איבער אונדזערע גרויסע אָנגעביכערטע „קלוגע" קעפּ
און „מיר" ווערן מער ווי „זיי" פאַרוואונדעט פון דער צעדעקדיקער קויל.

ביקסום

ווי שיין דו ביזט, ווי רייצנד.
דיין פארעם היפנאטיזירט די געהירן אונדז
דיין אויסזען קישעפט צום אנגרייפן,
און עס צאפלט, צאפלט, צאפלט —
עס צוקט דער פולס אין אונז,
עס ריזלט זיך אין לייב בלוט־וואלן אויף
וואס שפארן א הייס־ווילדן שטראם אין יעדן אדער אריין
באם ארומנעמען די אויסגעטאקטע טאליע דיינע —
א, דו, קאמבינאציע פון האלץ און שטאל — ביקס!

דער ווייזפינגער ווערט דער אויבערהאר
און ציט עלעקטריציטעט־שטראמיק אלץ נאך־זיך —
צום אומשולדיק־קליינעם צינגל.
(ס'איז שווער אזא נעסאיען בייצושטיין)
די מענטשלאכקייט פארכלינעט זיך...
דאס צינגעלע ווערט באריךט און — פוק!
פארטיק...
א לעבן איז שוין אפגעטונקט מיט בלוט.

ווי שנעל דאס גייט — אן אויסגעשריי: כאראטע!
איז צו שפעט...
אך, ווי שיין דו ביזט, ווי רייצנד —
א, דו, קאמבינאציע פון האלץ און שטאל — ביקס!
פארניכטעט ווערן זאלסטו ביז צו שטויב!
און מוזיי זאל פאר דיר אויך קיין ארט ניט זיין...

עקצע האָמאָ

(מאַכשאָוועס פון איינעם א יוירעד
איידער מען האָט אים געקרייציקט)

נאַכט, צי טאָג, און עפּשער גאָר פרימאָרגן,
צי קופּער־האַרבסטיקער אָוונט.
דער יוירעד זעט עס ניט,
ער קען שוין איצט קיין אונטערשייד
מער ניט מאַכן אין אַזוינע גראַדן.
דעם יוירעד אַרט עס ניט —
געניסן קען ער סיי־ווי־סיי גאָרניט,
ווען ס'זאָל אַפילע שוין יאָ זיין,
וואָס פאַר אים וואָלט עס ניט באַדאַרפט...

דער יוירעד איז אין לויטער דיקע שאָטנס איינגעהילט
און מעמיילע — זיינע פיל־פאַרשטעלטע צווייפלדיקע וועגן.
ער וויל וויינען, וויינען, וויינען און קען ניט.
זיפצט ער און ס'כליפּעט ארוים זיין איינגעהאַלטן געוויין
ווי צוקן פון פייגלשע לייבער איידער זיי שפּרייטן זיך צום פליען.
ער וויל הילף בעטן, פּאַשעטע הילף,
און ווייסט ניט אין וואָס פאַר א ריכטונג — אינם רוים —
זיינע פאַרשנדיקע בליקן צו ווענדן.

א ראָד — אַ ליכטיקע ראָד!
אַ פּאַס — אַ שטראַלנדיק פּאַס!
אַ רעגנבויגן איבער זיין קאָפּ —
שיינט אויף און ברעכט זיך דורך!
דרינגט אַריין און גרייפט אַרום
זיין פינצטערן בעריישים...

ער דערפילט און באַגרייפט און פאַרשטייט!
ער פאַרנעמט דאָס וואָס אַלע דאַרפן
נאָר קענען עס ניט פאַרנעמען.
און עלנט זינקט דער קאָפּ ביי אים.

אַט דאַמאָלסט דערזען אויגן שוין
די צוויי ציטערדיקע פיס זיינע
און קניעס — אַ פּאָר קרעציקע מאָלפּעס —
בויגן זיך, ברעכן זיך —
גרייט צו פאַלן קוירים ———

און מאַכמעס איצט איז די צייט
בלויז פּאָר האַכנאָעדיקן בעטן —
ס'איז דער מאָמענט דערפאַר —
אַז וואָס זיין געשטרויכלט האַרץ פילט
וואָלט ער דאַווקע געדאַרפן אַנטפּלעקן...
ווייסט ער אויך אַז אין זיין צעדולטן מויעד אָבער
שטויסן זיך אום פאַררעטעריש
געדאַנק און ווילן —
געדאַנק און ווילן ראַנגלען זיך
און פּייניקן אים מיט כאַראַטע וואָס וואַרגט
ווי די פאַרצויגענע פּעטליע פון הענקער.

„האַלט אָפּ די ווערימדיק-דערנידעריקסטע בליקן?
נעם צו די פאַרשעמטע טייטלדיקע פינגער?
פאַרמינדער די מענטשישע גערגעם?
די שטיינער זייערע, צו מיר, מייד אוים?"

אט אזוי דאַרף ער, מוז ער איצט בעטן...

אַ, גוירל, גוירל, גוירל!

אט אזוי דאַרף ער, מוז ער איצט בעטן...

ער דערפילט ווי טיף ס'איז זיין געזונקענקייט,
אַז ס'איז ניט מער ווי זיין לעצטער מאַטיש קויעד!

בעט ער ניט, שרייט ער ניט, רופט ער ניט,
נאָר שטייט ווי אַן איין־און־איינציק איבערגעבליבענער מאָנומענט
פון אַ רואינירטער וועלט; עס שרייט אין זיין אינערלאַכקייט
מיט אַ קאַלאָסאַלער קראַפט פון אַ פאַרשטיקט פייער
וואָס האַלט אין אַ פלאַמיקן שפּאַרטאַן...

האַמוין דונערט מיט צערייצטן צאָרן: סקילע! סקילע! סקילע!

עס ברויזט דעם יוירעדס בלוט.
ער לויפן אום, עס פלאַנטערן זיך, עס קוליען זיך
די מאַכשאַוועס אין ביטערסטן געראַנגל:
שוין בעסער פאַרשלונגען ווערן אין פינצטערסטן אַפּגרונט!
שוין בעסער פאַרטיליקט ווערן צווישן די ציין פון אַ כאַיע!
זיך ראַנגלען מיטן פאַטאַלן ניסאַיען פון זעלבסטמאָרד!
נאָר ניט אומגעבראַכט ווערן פון אַ־די צווייפיסיקע ענלאַכקייט מיינע.

שיק אוינעש! אוינעש שיק! דיין אוינעש!
ניט פון מענטשן — צערייצטן פעבל!

נאָר אַז די קראַפט צו וועלכער דער יוירעד דאַרף זיך ווענדן,
איז איצט גאַלע ראַכמים... בלויזער כעסעד... דינסטע אילוזיע...

טויב, שטום, בלינד איז אַט־דער, נאָך וועמענס שטראָף מ'דאַרף אָנקומען.
לאַנג וועט ער דאַמאַלסט דעם טויט־באַדערפטיקן לאָזן וואַרטן,
אַ, לאַנג, זייער לאַנג וועט ער שוין לאָזן וואַרטן...

גייסט שטשירעט זיך אויס מיטן יווירעדס כוימער קעגן פינצטערניש
און שרייט אין די בלויע מיראַזשן צו דער אייביקער האַשפּאָע אַרויף:
„גאָט! האַר! בוירע! אַלמעכטיקסטער!
עקצע האַמאָ!"
בלויז דו דאַרפסט מיין סוינע זיין, מיין פייניקער, מיין געביין־קעפּער —
איך קום פון דיר, פון דיר קום איך דאָך...
טאָ לאָז מיך צוריק ווי דינער דאַמף אויפגיין...

ש־ש־ש־ש־שטיל...

גרינג.
לויטער...

כ'וויל זיך אַנטשעפּען אַז דיינע קאַלטע, גרויע הימלען
און אַראָפּנידערן צוריק אין ווייכע, דינע, דריבנע טראָפּנס
צו קילן די דורשטיקע ערד — אַט די בלוטדורשטיקע ערד...
זי קילן — ביז צו דער קאַלטסטער נירוואַנאַ — — —

דער צערייצטער האַמוין דונערט ראַק צאַרנדיק:
סקילע! סקילע! סקילע!

עס פאַרשטיינערט דעם נאַווי, דעם פּירער, דעם מאַשיאַך
אין וועלכן ס'האָט דערפילט צעווייטיקטע אַנטוישונג.

עס גיסט זיך אויס ברוטאַל־צעיושעטע נעקאָמע,
האַמוינס איינציקער פאַרמעגן — אייגענער מישפּעט —
קעגן וועלכן גאָט אַליין איז אוממעכטיק
און ער פאַרבאַרגט זיך פאַרן צערייצטן האַמוינס שטראָפנדיקע לאַפּעס.

דאָס געוויין פון מײנע פאַרפּײלטע נעגל

1

ווער בין איך? ווער בין איך? ———
אַריסטאָקראַטישער אַרבעטער.
מײנע נעגל — קלײנע האַמלעט־שווערדלאַך, געפּײלטע
(צווישן סעזאָן און סעזאָן) —
ווײנען, ווײ־ווײ, ווײנען:
ווער ביזטו ווער? ווער ביזטו?
זײ טאַנצן אום באַרוישטע פון אַרבעט — געאײלטע
און בעטן זיך: ניט צעטשערבע אונדז, ניט צעטשערבע...

2

וואָס טויג אונדז די שיינקייט
וואָס מיר שאַפֿן אַרום אונדז,
אַ, ליבע, טייערע פּאָעטן מיינע,
אַז דער עמעס, ווײ־ווײ, — דער ע־מ־מ־ע־ס
וואָס דאַרף ווי מאַשיאַך צו אונדז קומען
און אויסשפּרייטן אויף אייביק די שאַבעס־שיינקייט —
ליגט גאָר, אַט דער עמעס, אַלץ פּאַרטייעט
אין מעבערעסדיקע ביכער,
בעאיים די וועלט איז קראַנק, קראַנק,
אַזוי, קראַנק —
בלויז פֿון וואָרטעניש אויף זיין געבוירן...

אַ, וואָס טויג אונז די שיינקייט
וואָס מיר שאַפֿן אַרום אונדז,
ליבע, טייערע פּאָעטן מיינע,
אַז אַלץ ווערט אין כימערן פֿאַרלוירן — — —

3

העלן אַנצוג, קאַפּאָטע און הוט — אויך העלע.
ווייסער קאָלנער, ווייסער פּעקל אַנבייסן
מיט זיך נעם איך מיט אינם פּריאיקסטן פרימאָרגן.
אַנדערע, אין שוואַרצע, בלעכענע קעסטעלאַך,
טראָגן זייערע אַנבייסנס, און אין פֿלעשער — קאַווע.

בלויע קאָמבינאַציעס מיט אַכט קעשענים
איז זייער טראַכט אַ גאַנצע וואָך, —
זונטיק, עך, זונטיק? זונטיק, זונטיק בלויער צייג
(וואָס דערמאָנט אינם באַרימטן קוגעלע פֿון בולבעס, בולבעס, בולבעס)
בלויער צייג, בלויער צייג, בלויער צייג אַלע טעג —
זונטיק? — בלויער צייג אַ פּאַרפּוצונג...

4

אַמאָל עס איך מיין אַרבעט־מיטיק
ביי אַ ווייסן טיש אין אַ קאַפעטעריע
אין דער צוועלפטער שאָ,
די מיט די בלויע קאָמבינאַציעס אָבער,
עסן זייער טאָג־טעגלאַכן, האָ לחמאָ עניאָ,
וואו דער גורל צייכנט אָן —
לעם ווענט האַלבצעוואָרפענע, אויף טראָטואַרן,
לעם פלויטן צי גאָר אויף צעבראָכענע טרעפּ
אין טוכלע כווישאַכדיקע קאָרידאָרן...

5

פּאַרנאַכט.
וואָלקנס שוואַרצע ווי צעשראָקענע הערדעס שאָף,
אין טראַמוועס, אין אויבער־און־אין־אונטערבאַנען,
איילן זיך.
שטיקער האַמוין שפּאַרט זיך איינג —
צעשיסט זיך אַרויף־אַראָפּ
און אַזוי — אין אַלע פיר־וועלטלאַכע זייטן.

האַרב שטופּעט די שווערע פּאַרע אין נאָז.
לונגען קעמפן בראַוו מיט אַלערליי עסידן,
לויגן, סאָדעס, ליימען, אייזן, זשאַווער און געשמאָלצן מעטאַל;
נאַפט, טאַבאַק, גנוי, פעל און טיריש בלוט
וואָס זעצט פון די־אין־בלויע קאָמבינאַציעס אַפיר —
עס פילן זיך אַלע געראָכן אין זיי
ווייל דער באַשטאַנדטייל פון אַלע עלעמענטן זיינען זיי,
וואָרום די יעסוידעס פונם קאָסמאָס שטראָמט אַרויס פון זיי — — — —
יאָ, און אַן איידלקייט באַזיצן זיי אין זייער פּראָסטקייט, —
(אָט אַ די אין די בלויע קאָמבינאַציעס)
זייערע זיצפלעצער, צו שטייענדיקע נאָשים גיבן זיי אָפּ...

6

ווער בין איך? ווער בין איך? ———
אריסטאָקראַטישער אַרבעטער.
מיינע נעגל — קליינע האַמלעטשוועדלאַך געפיילטע
(צווישן סעזאָן און סעזאָן)
ווייגען, וויי־ווײ, וויינען:
ווער ביזטו ווער? ווער ביזטו?

באַרוישטע פון אַרבעט טאַנצן זיי אום — געאייִלטע
און בעטן זיך: ניט צעטשערבע אונדז ניט צע־טשער־בע...

סיי ווי סיי טיילסטו זיך אויך אָפּ פון „יענע"
ווי שויטן פון צעקאַכטן באָב.
וואָרום ווער קאָן זיך דאָס גלייכן גאָר
צו די אין די בלויע קאָמבינאַציעס? ———

זייערע נעגל? — ציין פון אויוון־רישאַטקעס —
וואָס ליגן אויף קופּעס ברוכוואַרג שוין פון לאַנג,
און קיין שום וואַסערן פון דער וועלט
(אַפילע די קלוגסטע כעמיקער)
קאָנען זיי צוריק ניט ווייס מאַכן ————

7

העי־העי, העי־העי!
וואָס טויג אונדז די שיינקייט
וואָס מיר שאַפן אַרום אונדז,
אַ, ליבע, טייערע פּאָעטן מיינע,
ווען עס ליגט דער עמעס אין אַזוי פיל פּאַרטייעטן צאַר
און רייסט זיך מיט זיין שטומען געשריי —
דורך אַרבעטלאָזע פינגער — געדראַלענע זשוקעס אַלערליי —
אַ, קריכנדיקע שורע, דו שאַנדיקע בעטלברויט־ריי!...
טאָ ווײַזשע קענען מיר זיך פאַרגלייכן צו זיי
מיט אונדזער אייגענעם וויי?...

אין אַ מאָנטיק

מאַשין־געוואוי און פּאַסן־כּליפּ,
הובעל־קרעכץ און זעגן־זיפּץ,
אַלע פילן שטיקער נאָכטאָם פונם זונטיק.
מע שווייגט און מע וואַרפט זיך ווי ראָבאָטן.
מענטש איז פאַראוינעשט אין דער פּראַצע.

פּאַטאַפּאַביש אין דער נעגער־טאָג
וואָס מאָזלט מיט רויטע גלאָבוסן ליכט.
ווי טראַנטעם איינגעקנוילטע און טוכלע
טריפן זיך די שאָען פונם אומענדלאָכן מאָנטיק.

פאַרטיפונג. קאַוואַנע. נאָר איבעראַלץ:
איין באַהעפטונג פון אַלע ווילנס —
צו הערן דעם קלינגענדיקן גלאָק וואָס באַפרייט...

רעדער־הוסט און וואַלצן־קייך,
מעסער־כריפּ און צילינדער־כראַק,
גאַזן־גרוד און היץ־געשטיק,
שרויף־געקוויטש און פּאַמפּ־געציש,
וואַסערשטויב דערזעט ווי עס קוקן אויס
אַלץ און אַלע אין אַרום אים:

בערג קלויסטערן זיך אויף און צעפראלן אין טאלן.
עס יאגט זיך אלץ אום מיט געווארף און געהייב —
צעטראגט זיך אין אלערליי וויברירטע דיאגראמען
צו איין פונקט. צו איין ציל.
מיט א בלינדער גוואורע ווי פון וואסערפאלן
גייט אן שפרודלדיק דעם מענטשנס שאפונג —
סע זאל ווערן און מערן!
סע זאל מערן און ווערן!

מאשין־געוואוי און פאסן־כליפ,
הובעל־קרעכץ און זעגן־זיפץ,
רעדער־הוסט און וואלצן־קייך,
מעסער־כריפ און צילינדער־כראק,
גאזן־גרוד און היץ־געשטיק,
שרויף־געקוויטש און פאמפ־געציש,
ארגלען צעווייען דא געוויינען:
א, וואו זיינען מיר?!
אוי, ווער זיינען מיר?!
העי, וואס שאפן מיר?!

רעפריינען קלאגן זיך אין דונער־איילנדע סימפאניעס:
דא זיינען מיר! דא זיינען מיר! דא זיינען מיר!
אט זיינען מיר! אט זיינען מיר! אט זיינען מיר!
אלע, אלע, אלע, — צוזאמען!
אט זיינען מיר! אט זיינען מיר! אט זיינען מיר!

אימפּרעסיע

צווישן שטיינגעבּרענטע מויער־הויכן,
און אונטער ציִענדיקע היינגבּריקן,
איז דער פּאַכעד בּיים מענטשן צעזייעט —
עלעקטרישע שטראָמען מיט גרילצציקן
יאָגן אום איבּער גאַסן צעווייעט — —

אויף אַזאַ אָרט וועט אַמאָל אַ געזעמל מענטשן
מיט פּענימער און אויגן — צעקרומטע און שטאַרע —
זיך אָניאָגן ווי אויף אַ בּייז־וואונדער
און מיט שטשירענדיקן פּאַכעד, מיט קערנדיקן עקל,
קוקן אויף מיין געוועזענעם מענטשישן געשטאַלט
וואָס וועט אומפּאַסאַניש ליגן אין אַ פאַרב־מאַסע געשוואָלן —
אַזוי ווי אַ זשאַבּע נאָך אַ שלאַקס־רעגן — געדראָלן.

און נאָך אַ ווײַלע שטיין אין אַ בּאַוועגלאָזער פּאָזע.
און נאָך אַ רעגע שטיין אין „געהאַקטע וואונדן",
וועלן זיי מיט ציין־געשטשיר און נאָז־געקרום מיך אומרונדן
און איינהאַלטנדיק דעם אָטעם ווי אין אַ טאַנץ,
זיך אָפּטראָגן, נאָך אַ בּליק צי צוויי
מיט אַ טרייסלדיקן אקסל־דריי,
ווי פּאַר אַ צעקוועטשטער וואַנץ...

נאַר נאַכטמאַל־צייט ווען אַלע וועלן האָבן שוין אין מיר
און אין אַלץ וואָס איבלט, פאַרגעסן,
און שטום זיך זעצן עסן, —
וועל איך אַ צעשטיקלטער פון אייער דימיוין
אַרויסקומען נאָכן ערשטן ביסן
אין פאַרעמלאָזע שטיקער פורעמדיקע טיילן
פיל צעפּיצלט און צעריסן —
און צעמישן אייך אייער געוויסן;

עס וועט פאַר אייך זיך „באַמבלען" די מאַזאַלקע
אויף מיין אַנווייזפינגער און די קיטשמע
וועט אייך רייצן, מאַלן זיך מיין אויסזען אינגער...

אַט אַזוי־אַ, וועל איך אַן אומגעזעענער אויף דער וועלט
אומבלאַנדזשען ביי אייך אין דימיוין אילוזירט — ניט אַפּגעשטעלט, —
אַפילע ניט קיין שאָטן פון אַ מענטש —
אָבער נאָענט ווי די הויט אויף אייך ————

איזאַדאָרע דאָנקאַן

איזאַדאָרע, איזאַדאָרע, דו צויבער־טאַנץ פון שטימונג!
דריי נעכט האָסטו געטאַנצט פאַר מיינע אויגן —
גערויבט דעם שלאָף — מיין איינציק טאָגלאַכע דערלייזונג
פון לאַנגע, אוי, לאַנגע נאַכט־שאָען ביי מיר...

אויב אינהאַלט איז דאָ אינם קאָסמאָס
איז עס, בלויז, פאָרמען וואָס מ׳קאָן זיי דערקלערן...
און זיינען וואונדער פאַראַן אינם וועלט־רוים?
קאָן מען זיי אויכעט „אין צייטן" באַגרייפן...

ווען אָבער ביים שוימיקן זוים פונם וואַסער־מידבער
אינם אומבאַוואוסטן פליעסקען פון די כוואַליעס אויף די ברעגן
האָב איך דערקענט די אויסגעטאַנצטע פאָרמען דיינע
און דערהערט ערד און וואַסער זינגען: אי־זאַ־דאָ־רע־איזאַדאָרע!
האָב איך מיט אָינערדיקן פרעפּלען נאָכגעזונגען:

איזאַדאָרע־איזאַדאָרע, דו ליד פון וואונדער!
דיינע טאַנצנדיקע פאָרמען, ווי אָריענטאַלישע לעגענדן,
רייצן, רעגן און האַלטן מיט אַן אָנגעגריפענער שפּאַנונג —
דו ליד פון צויבער, דו ליד פון וואונדער —
טאַנץ פון שטויב און שטערן — — —

וואָס זאָל מען טאָן, כאַווער מאַטעס?

דער פּרעסער איז אַ קינצלער אין זיין אַרט.
דער טיפּעש — אַ טיפּעש אין אָנפאַנג אַמאַי ער טראַכט...
דער קאַמצן איז ברייט־האַרציק בלויז צום גריבל —
שיט ער אין דעם מיט ניכפּעדיקע זשמעניעס גאָלד — ביינאַכט.

דער שיקער פאַררייסט זיין קאָפּ — אַ ווירטואָז אויף זיין געביט;
דער כאַכעם גליטשט זיך זעלטן אויס, נאָר גיט ער שוין אַ פּראַל,
קען די ניכטערקייט אַליין צוריק אים אויף די פיס ניט שטעלן;
לאַכיין, איז טאַקע נאָר דעם טאַם וואויל: זיין פאַלן איז ערשט געניאַל...

ס׳איז גענוג בלויז אַ איינאונאיינציקער היטלער, אַז מענטש,
זאָל נאָך אָנבלאָזן אויף דער וועלט מיט טכוירישן געשאַנק...
דער קלוימערשטדיקער דיכטער „שטעפּט" טאַמיד וועגן זיך היפּערבאָלן,
— אָט דער באַנאַלער כניאַק איז נאָך זיכער מיט זיין געזאַנג.

איז וואָסזשע זאָלן מירביידע טון מיט זיך, כאַווער מאַטעס?
אַז דער „קורס" פון דער וועלט־רעוואָלוציע איז נאָך נידריק
און אונדזערע פּרעגלט מען נאָך אַלץ אַלס אַ קאָרבן כאַטאָס?
פּויזעט טאַקע דאָס וועלטל אַהין־און־אַהער — אַז אָרימער לומפּידריק!

די באַלאַדע פון מיינע קינדער

„פּראָזע איז דאָס היינטיקע לעבן.
דאָס נעכטיקע — פּאָעזיע" — — — —

מיין מיידעלע ווען זי איז געבאָרן געוואָרן
איז זי געווען די גרויס פּונקט ווי אַ מילך־פלאַש,
און ווייך ווי ראָשטשינע פאַר קאָרן־טייג.
מיין ווייב, מיט וועלכער איך פלעג זיך
אַרויסכאַפּן ווי אַ קעצל נאָך אַ נאַש,
אינם גרעסטן רעגן־גאָס אַפּילע, — מיטן וועג
דורך דער סענט־דענוס גאַס
און גיין פּאַמעלאַד, גיין—און—גיין—און—גיין
ביז צום גאַנאַיידן, — צום פּאַרק לאַפאָנטיין
וואָס געפינט זיך אין דער קלויסטער־שטאָט מאָנטרעאָל, —
איז נאָך דאַמאָלסט ערעוו ווייב געווען, מיין ווייב.
(ניט איך און ניט זי האָבן געוואוסט, אַז ניט מער
ווי בלויז פלאַקס זיינען מיר וואָס פלעכטן
דער צוקונפטס אומענדלאַכן שטריק...)

ס'איז פאַר מיינע אויגן אַזוי קלאָר,
ווי אַמאָל, זייער לאַנג צוריק, אַמאָל, —
בעאיסן ערשטן כיידער־יאָר
דער גאַן־אײדן פונם זיסן כומעש, — — —
אַט אַזוי זע איך דעם וועג צו דעם פּאַרק לאַפאָנטיין
און סע וועט שוין אויך, נאַאיוו ווי מיינע קינדער־יאָרן,
טאָמיד לאַקערדיק פאַר מיינע אויגן שטיין...

מיין מיידעלע ווען זי איז געבארן געווארן,
איז זי געווען די גרויס פונקט ווי א מילך־פלאש, — — —
ס'איז שוין א מאיסע פון פופצן יאר — מאיסע־יארן
וואס ליגן ווי רעשטלאך פון פאמפיי, אונטער הורבעס אש...

איך דערמאן זיך ווי ס'וואלט געווען אט איצטער:
א זומער, דאכט זיך צו מיין געבורטס־טאג, ערעוו שעוואואוס,
דורך דער בלויקייט ארום דעם פולסירנדיקן גלאבוס
האבן אינסעקטן ליידנשאפטלאך געפירט אן אלוועלטלאכן שמועס.
אין קאפ ביי מיר האט פיבעריש גערוישט
מיט יענעם אינגלשן טומל און ווארפנדיקע קעלט
ווי בישאס איך האב געלייענט דאס ערשטע ביכל:
זשול ווערנע'ס „די ווילדע וועלט"...

„טאצי, טאצי!" האט זי ארויסגעזאגט
מיט קינדערשן עקסטאז, מיינענדיק צו זאגן: טאטע...
דערנאך האט זי שוין גערעדט אפילע צום שייגעצל,
דזשימי, אונדזער לאשן און ער פלעגט איר נאכזאגן: יא, יא!
דוויירעלע, יא, יא! סע־גוט־ט!...

מיין מיידעלע האב איך געלערנט עסן:
פלוימען, עפל און ראזשינקעס מיט מאנדלען.
אלע גרינסן — רוי. פון ענדייווס ביז שפינאט.
קאלטע טושן דורכן גאנצן יאר זיך נעמען יעדן טאג;
אויך שווימען איר אויסגעלערנט ווי א כוואט.
מיין מיידעלע, מיין טעכטערל, מיין כוואט!

איך האב פאר איר געלייענט מייסעלאך א סאך:
„בערל פראגער," „כאווער פאוער," „אינגעלע רינגעלע"
און זייער א סאך מאל — „אינגל צינגל כוואט."
געלייענט פאר איר שאלעם אליכעמען און דורך זיינע ברילן —
די ביבל. מאטקע כאבאד'ס און הערשעלע האסטראפאלער'ס וויצן.
און זי פלעגט וויינען, לאכן און וויינען, דערהויפט:
פון מאני לייב'ס „בלימעלאך קרענצעלאך"
און פון שאלעם אליכעמס: „באשעפעניש."
אט אזוי איז געווען מיט מיר, מיין מיידעלע, —
א גאנצער פאני בראט...

אין א צייט אַרום האָט איר די מאַמע געבאָרן אַ אינגעלע,
פאַרן מיידעלע אַ ליאַלקע־ברודערל געהאַט————————

מיין אינגעלע — ווי מיין מיידעלע —
האָט ליב די אַלע זאַכן וואָס כ׳האָב געלערנט איר.
ער האָט ליב הומאָר, שאַרפע וויצן
און פון סאַטירע? אַ וועלט האַלט ער.

אַ ראיע, ער האָט ליב זיך איבערקרומען
מיט אַ כאַלעפּדיק קלינגעלע פון אַ וואָרט...
און איז אַ וויץ אַמאָל ניט גאָר געראָטן
שרייט ער: „דאָס זאַלצמעסטל אַהער"!

די מאַמע איז שטאָלץ מיט אים און קוועלט
וואָס ער איז אַ לינקער — אַ יונגער פּיאָנער!
ער גלויבט אַז בלייז אויבערהויזן איז נענוג פאַר אים
און אַפילע דעם פּרעזידענט וואָלטן זיי אויך געפּאַסט.
וואָס איז, זאָגט ער, די מאַלפּעס אין דער „זו"
טראָגן דאָס אויך ניט און מענטשן שטייען שאָען אָפּ
און באַוואונדערן זיי ווי מע וואָלט פּאַרצייטיקע מאַלאָכים...

ער פאַרמאָגט שוין אויך אַ שפּאָר ביסל גאַל!
און פרעגט אים אַ לעץ: „ווען וועסטו שוין מאַכן
די וועלט־רעוואָלוציע, פאַרברענטער קאָמוניסטל?"
ווייסט ער אַז אַזוינעם איז דאָס בעסטע — איגנאָרירן!

יאָ, ער פאַרמאָגט שוין אַ שפּאָר ביסל גאַל.

איז טאַקע דאָס בעסטע פאַרגעניגן ביי אים אַז „אַזוינער"
זעט־צו ווי ער צימבלט אויף זיין מאַנדאָלין
פאַר פּאָדאָן (אונזער הונט) דעם „אינטערנאַציאָנאַל"——————

איז האָב איך צו אים טאָקע ניט קיין טאַינעס.
ער איז אַוועק אויף אַ ברייטן, וועלטלאַכן וועג
און שרייט מיט אַ יונג קעלאַכל: „שטענדיק גרייט!"

נאָר מיין מיידעלע, מיין טעכטערל, מיין כוואַט,
וויל גראָד אַ יענקיש ליאַלקעלע ווערן:
צו רויטע נעגעלאך, ליפּעלאך און אויסגעצופּטע ברעמען
האָט זי איצט אַ נעסאַיענדיקע שוואַכקייט.
קוק איך אויף איר ווי אויף אַן עקזאָטיש וואַזאַנעלע...
ער, זאָל עס זיך בליען ווי אַזוי עס בליט ——————

מיין מיידעלע ווען איך באַגעגן זי אין גאַס
מיין איך ס'איז איינע פון מיינע באַקאַנטע יענקיס
און איך טו איר אַ באַגריס מיט דער האַנט אין אַ זשעסט,
(ווייל קיין הוט טראָג איך ניט, גיב איך נאָך אַ נויג
צו איר מיטן קאָפּ ווי איך וואָלט געווען איר אונטערטאַן)
אַבער זי גייט דורך פאַרביי, גראַציעז ווי אַ פּאַווע,
און רופט אוים צו מיר ווי אַ פּאַפּוגע: „העלאָ!" ————

מיידעלע, פּאַוועדיק טעכטערל מיינס... בייזע פּאַפּוגע!

איינגעלע, כאַלעפּדיק זונעלע מיינס... שויפעט קליינער!

איך האָב איינגעפּלאַנצט אין דיר דעם קאָרן פון מידאַס האַדין
און האָב פאַרגעסן אינם — מידאַס האַראַכמים...

וועל איך שטיין אַמאָל לעם „ווענטל" און וואַרטן
אויף דיין באַפעל:

— פייער! ——————

דער קוואַרטעט

פאַני טויט,
פאַני סעקס,
פאַני מענטש,
און פאַני לעסטער, —
האָבן זיך אַמפּערדיק געוועט:
צו לויפן איבער די גרעסטע שטעט
און אויסגעפינען ווער פון זיי —
איז דער בעסטער,
דער גרעסטער
און דער העכסטער.

שוין פון לאַנג אַז זיי האָבן אויסגעפונען —
ווער און וואָס און ווען.
נאָר יעדערער האַלט עס אונטער זיין פליגל
ווי אַ קוואַטשקע אַן איי — פאַר אַ סאָד.

מענטש, גאָט, דער אויווערבאָטל

גאָט ווירבלט איבער די שפּיזן פון אַרמייען.
דאָס אויער פונם אייל־נויקעם־וועגויטער — דאָס שטילסטע דערהערט.
ס׳איז מיט ניצאָכן און אוים קינע אָנגעשפּיצט.
מיט ראַכמים און כיימע צעטיילט איז ער אויף צווייען —
זיין קיסע־האַקאָוועד שטייט אויף דער סאַמע שאַרף פון שווערד...

גאָט שלאָפט אויף דער גאָבעטע בריינדעלעם פּאָנים.
געאָכפּערט און געגרויסט ווערט ער
דורך איר וואָקסענעם, ציטערדיקן הענטפלוין.
דער אייל־ראַכום־וועכאַנון רוט מיט זיין מישקן
אויף די שמויסענע, שוויסיקע היטלען פון האַמוין.

גאָט נעמט פון דער זוינע און איר אויבערבאָהעפּטער
די בושע צו, און דעם צעלעם־עלויקים פאַרדעקט ער מיט אַ קאַשנע
פון גאָלע אָנגעפּאַרפומירטע גרינע אַסיגנאַציעס. —
און זיי פאַרטייען זיך אינם אייביקוועלטלאַכן ה־הם מנע...

גאָט הייסט געגענענען די האַנט פונם מאַניאַק
צום אייגענעם אַפּפאַל צו, און אויפשרייבן דערמיט: שאַדאַי!!
ער הייסט אויך ווינטן מיט ווינטעלאַך — משאַרסים זיינע — צעטראָגן
איבער דער גאָרער וועלט זיין אַראָמאַטישן שעם — אַי! אַי! אַי!!!

גאָט דער האַר, באַפעלט דעם זאָקנס דענקענדיקע האַנט
פאַרפלאָנטערן זיך אין דער אייגענער גראָער באָרד אוים דווייקעס,
און בלייבן הענגען אין איר, ווי אַ מאָטיל אין שפּינוועב, —
אינם פּילפּל, אינם דאָרעש, צי גאָר אין פאַרטייעטע ספּייקעס ————

פאַני סעקס
(סאָנעט)

פאַרוואָס ביזטו אַזוי גרינג אויף מיין שוים, עלערמי?
אָ, פאַרוואָס איז דער שוויים פון דיין ציטערדיק לייב
און פון די מולטערלעך אונטער די פאַכוועס, ווי לילין־בלי?
ס'איז מיר זשעדנעדיק מער ווי אַ דער וואָס קומט פון אייגן ווייב.

דאָס באַבקעלע אויף דיין נאָז, דאָס געדרוד פון דיינע ציין
און די „אַראָמאַטישע" ספּערע ווען מ'קומט נאָך דיר אַריין,
אינם געזעס־שטיבל האָבן אויך גאָר אַן אַנדערן מיין,
אַלץ איז פאַרהוילן מיט שאַבעס־שיינקייט און ס'איז ביז גאָר—פיין...

אַמאָל ביזטו אינם געשטאַלט ווי די היילקע מאַמע אַנטפּלעקט,
(אינם בילד וואו זי זיצט מיט אַ נאַקעטער ברוסט איבער יעזוסלען),
און אַמאָל, בכיפאַזנדיק, ווי אַ קעצל איבער שמאַנט ווען עס לעקט,
צי גאָר פאַרטייעט, געררייצט ווי אַ פרומער איבער טרייף־פּאָסלען.

כ'וואָלט דאָך, אַזאַ קאַשערער מאַנסביל,
דאָס טעלערל פון הימל דערגרייכט, עלערמי?
נאָר גיי, אַז איך סמאַלע זיך אַ קאַרבן
אין טהאָם פון דיינע קראַקוועדיקע קני...

פאַני סעקס זינגט

נאָך איידער דאָס ליד פון סעקס איז אָנגעפאַנגען,
ליגן מיר קוירים צו די עראָטישע פאַרלאַנגען.
אויף מיניאַטורנע גופּעלאַך — מילימיליאַסן
ווערט דאָס ליד צעקלונגען אין אַלע גאַסן —
נאָך איידער דאָס ליד פון סעקס איז אָנגעפאַנגען...

נאָך איידער דאָס ליד פון סעקס איז אָנגעפאַנגען
שטייען מיר פאַרן סאָף וואָס קען זיך ניט פאַרגעסן.
דערפאַר גיבן זיך אַלע איבער צום פייערדיקן פרעסן:
דער טאַנץ, דער גאַלעד און דער ספּאָרט־קאַוואַליער.
ביים פּיירעק, ביים עוואַנגעל צי ביים שאַנדאַליער —
ליגן מיר קוירים צו די עראָטישע פאַרלאַנגען...

ליגן מיר קוירים צו די עראָטישע פאַרלאַנגען
מיט קאָמעטישע אויגן אונטער גליאיקע וויעס.
מאַכנעס מיאַווקענדיקע קעצעלעך אין געבעטע שליורעס
קיצלען אונז מיט וואַרימע ווײַדעלעך פריש געבאָבטע;
מאָדנע צעיאַכמערט ווערן מיר דאַן — אויפגעוואַכטע!
אויף מיניאַטורנע גופּעלאַך — מילימיליאַסן — — — —

אויף מיניאַטורנע גופּעלאַך — מילימיליאַסן
זעען מיר אַלץ אינם גרויל פון פאַנגערס נעץ ווי האָזן —
אומבאַהאַלפענע זעמדעלאַך מידבאַרדיק צעבלאָזן,
ליגן מיר אויפגעפּראַלטע קעגן פייערן ווי אָנגעגליטע דראָטן
מיט דווירעסדיקן זשאַר־און־בליאַסק קופּערדיק צעזאָטן —
ווערט דאָס ליד פון סעקס צעקלונגען אין אַלע גאַסן — — — —

ווערט דאָס ליד צעקלונגען אין אַלע גאַסן
אויף מיניאַטורנע גופּעלאַך — מילימיליאַסן;
ליגן מיר קוירים צו די עראָטישע פאַרלאַנגען
נאָך איידער דאָס ליד פון סעקס ווערט אָנגעפאַנגען — — — —

פאני גאָט

(ראָנדאָ)

1

ניט איינמאָל שוין זיך אָפּגעווענדט,
ווי האָלץ פון האָלץ אויף קויל צעברענט.
צוריק זיך צוגעהעפט מיט פיין —
ס'האָט געקאָנט דען אַנדערש זיין?
אַז דו ביזט ניט־און־יאָ דערקענט...

אַ ציגל פעסט ווי אין צעמענט,
געפילט האָבן זיך מיינע הענט
אין דערהויבונג פון דיין שיין
ניט איינמאָל שוין.

אַז דו ביזט פאַרט דער פונדאַמענט.
מיין העלע פרייד. מיין שרעק־לאַמענט —
אָט דער טעמנער ניסאָיעז מיין:
היפּנאָט פון ווייב, עקסטאַז פון וויין —
דאָס בראַנדיק זשאַר וואָס מיך צעברענט
ניט איינמאָל שוין. ———

2

ניט איינמאָל קומען שוין געוואָלט,
דיין שוועל באַטרעטן שוין געזאָלט,
געקומען, און אַנטלאָפן דאָך;
פון גרינגסטן זיכער — צוריק צום יאָך.
צאָלסט אָפּ געצאָלטס? — איז אָפּגעצאָלט!

אַ, קלעק, דו האָסט מיך איינגעראָלט!
דיין נאָמען — פעסט — וועט אין רעוואָלט,
מיט אויגן ווי אַ שפּיזן־שטאָך,
ניט איינמאָל קומען.

האָסט דיינע שטראָפן דיין באַשטאָלט?
גרייט בראַנדיק מאַכן און געדראָלט?
גרייטסט אויך צו די הילף פאַרן בראָך? ————
פוי, דיין סטירע וועט פאַר מיר נאָך,
ווי אַ שונד־בילד אָפּגעמאָלט,
ניט איינמאָל קומען...

טריאָלעטן

איך האַלט דיין עלנבויגן
ווי ווינטערצייט אַ היים גלאָז טיי
און זשמורע מיינע אויגן...
איך האַלט דיין עלנבויגן —
אַ בעכער אויסגעצויגן,
האַוודאַלע מאַכט מען בלויז אַזוי...
איך האַלט דיין עלנבויגן
ווי ווינטער־צייט אַ היים גלאָז טיי———

ווער בין איך און וואָס בין איך,
ווען שטיל ווינט גאָט אַרום דורך מיר:
„זאָל שוין מענטש באַפרייען מיך"...
ווער בין איך און וואָס בין איך,
הייסן מענטש באַפרייען דיך?
אַ, ווי איז אונדז! — דער וועלט און דיר!
ווער בין איך און וואָס בין איך
ווען שטיל ווינט גאָט אַרום דורך מיר...

ווען עס ליגן מיד די הענט
אויף מיין האָר־באַוואַקסן ברוסט,
נישטיק ווער איך — גאָט און וועלט —
ווען עס ליגן מיד די הענט.
אַלץ ווערט ווינט־זין און פאַרשמעלט...
ס'איז דער שענסטער קאַמף פאַרלוסט
ווען עס ליגן מיד די הענט
אויף מיין האָר־באַוואַקסן ברוסט...

שטעלט זיך אויף, — טויט איז דאָ

אַלע סטילן פונם לעבן זיינען אָפּגעטראָגן,
בלויז סטיל פון טויט בלייבט אַלץ דער נייסטער.
ס׳האָט טויט מאָנאָפּאָליזירט דאָס לעבן אונדזערס —
נאָר פּאַראָורטיילטע און נעגידעם קענען זיך דערלויבן קלאָגן.

ס׳איז אָבער אָט־דער שוין מער פון אַ כאָכעם וואָס ווייסט
אַז אַלע סטילן פונם לעבן, קענען סטיל פון טויט, וועלן פאַלן...
זאָגט, אָ, זאָגט מיר, ווער פון אייך קלוגע, טייערע פּאָעטן מיינע,
האָט דעם מוט נאָך זיך צירן מיט אימאָרטאַלן?

כ׳בין היינט אַזאַ דינע טרויער־בריק דורכגעגאַנגען
וואָס איבער אַ פּאָוועטיני־פרייד האָט זי זיך לאַנג געצויגן —
זאָגט, אָ, זאָגט מיר, ווער פון אייך קלוגע, טייערע פּאָעטן מיינע,
האָט דעם מוט נאָך זיך צירן מיט אימאָרטאַלן? —
ווען אַלע סטילן פונם לעבן זיינען אָפּגעטראָגן
און בלויז איין פּיצל סטיל פון טויט
איז אַלץ נאָך דער שעפערישסטער, דער נייסטער?...

פאני טויט

ניט ווי קיין איינגערעדטער — אַז עמעסער לונג־און־לעבער
היינגט דער טויט אונדז אַלעמען איבער די נעזער —
פאַלט מען מאַמעש צו די פּיס דאָ דעם פאַני טויט בעציבער
אי, אי, אי, אַ קליייניקייט — פאַני טויט...

לאָזט זיך אויף דער רייזע אַז אַפּרייטערל, גאַנץ פרי אין שאַפּ,
מיט אים — צווישן צוויי רעפּטלאַך ברויט — אַ שטיקעלע לעבער.
טוט אים פון דער העלער הויט אַ „קאַדילאַק" אַ כאַפּ.
אי, אי, אי, אַ „קאַדילאַק"...

„עפּעס אַ קליייניקייט אַ „קאַדילאַק"? !"
קריגן זיך די רעפּטלאַך ברויט מיטן לעבער — — —
„ס'איז דאָך ניט קיין פּראָסטער, שווארצער באַק? !"
אי, אי, אי, — אַ שווארצער באַק...

פּלוצלונג ווערט גאָר פונם לעבער אַ שווארצער באַק
וואָס שפּרינגט אין האַפּקעט צווישן די גאַמענע רעדער —
ווי אויף אַ „ראַדעא" טאַנצט אונדזער אַפּרייטערל.
אי, אי, אי, אונדזער אַפּרייטערל...

ניט קיין איינגערעדטער — אַז עמעסער לונג־און־לעבער
היינגט דער טויט אונדז אַלעמען איבער די נעזער —
פאַלט מען מאַמעש צו די פּיס דאָ, דעם פאַני טויט, בעציבער...
אי, אי, אי, צו די פּיס דעם פאַני טויט — — —

RUSH

1

דער פּאָליציייער אויפֿן ראָג
שטייט מיט צענומענע פּיס —
אַז אויפגעמאַכטע שער;
גרייט צו שערן אַלצדינג:
פּאַפּיר, בלעך צי אַן אַטאָמאָביל
וואָס פאַרקערעוועט זיך לינקס אויף רויטס —
„יעס סער, אַ געזעץ איז אַ שער,
זי שניידט פאַר אַלעמען גלייך!"

2

די שוואַרצע טויב אויף לאַסאַל און וואַנביורן,
שיקט איר גרוס: ווייסע דיים־רעדעלאַך,
(אויפֿן דאַך פון אַ זעפּיר־באַן־קוטש)
אין דער ברייטער, ווייטער וועלט אַריין.
איר ווייסע שוועסטער פון סאַנטאַ פעי
שיקט איר צוריק אַ טשוואווע
אינם זעלבן טויבישן מאַניער —
נאָר אויפן פליגל פון אַן עראָפּלאַן. ———

פאַני מענטש

אונטער די רייד פון אַ לעקטאָר —

וועז איך בין אַ קליין, גרין אינגעלע געווען,
פלעג איך אין זומער־נעכט, קילע, כאַלעמען פון ספריטנע מוציקלאַך.
סטיינגעס אין צעפּעלאַך צו פלעכטן געגאַרט אויף זייערע גריוועס —
וואונדערלאַך פלעג איך פליען אויף זיי אין די בלאַנקיטנע רוימען . . .

יעזוס איז מיר קיינמאָל צו כאָלעם ניט געקומען, אַפילע ניט זיין מאַמע,
כאָטש אַ גרויסע קאַפּליציע האָט האמעטנע
פאַרבעלמעט מיר מיין פענצטערל. . .
דאָס אַלץ איז וועז איך בין אַ פאַרקוואַרט, גרין „אינדעלע דעווען"
און ספריטנע מוציקלאַך אויפן וואָר, דורך אַ צופאַל, בלויז איינמאָל געזען.

אָ, שטיק אוטאָפּיע, פאַני מענטש, ביזט לויטער דיכטונג!
דו און דיינע רייד: „די האָפנונג פון דער מענטשהייט"
האָבן מיך פאַרדווייקעט אין אַ גליקלאַכן, קינדערשן פאַנטאַזם:
געזען זיך, און דיך — אַלעמען — אויף ספריטנע מוציקלאַך אין רוימען...

בלויז פאַר איין אויגנבליק שטייסטו אַ געפלעפטער ווי געקרייציקט,
נאָר באַלד הויבסטו אָן מיט דיין רעכטער האַנט בלאָנדזשען
איבער דיין פראָסטיק קאָפּ־האָר און דיין לינקע — אַ טייטל,
ווייזט איבערצייגנדיק אויף דיין באַלשעמטאָוו'ס שמייכל . . .

דיין אקסל רעדט, דיין מויל גאפט און כאכמע שפארט זיך
מורמלענדיק ווי מאַי־וואסערן; און פלוצלונג — פלייצנדיקע שליוזן.
דיין רעכטע קני הוידעט אוים פאר אונדז די פרייד פון אולטראאיזם —
אד, אלע ווי דו און וועלט ווערט גלייך א גאניידן...

ביי די „לעצטע טראפנס בלוט" ניט איינמאל אפגערוט אויף בורוועס
האט דער מענטש פון צעשטערטע וועלטן מיט ציוויליזאציע און קולטורן;
ביי די „לעצטע טראנפס בלוט" האט מענטש זיך ניט פארלארן—געהאפט,
האלט אין האפן — דיין פאטאס מאלט עס אונדז אוים פאר די אויגן...

מיר אליין זיינען דאך אי דער ספינקס און אי דער פעניקס,
די ארויסגעלאזטע טויב פון נויאכ׳ס פימפסנדיקער טייווע;
אליין — דער מאבל, די קארבאנעס און דער פרייענדיקער רעגנבויגן...

ער, מעפיסטא קען אונדז קיינמאל ניט אויסראטן
ווען מיר זיינען מענטשלאך ———

דיין שמייכל רופט, דיינע רייד גראבן
פון דער טיפעניש ביי אונדז, דעם מענטש ארוים:
ער איז איינציק, טייער
און וויכטיקער פון אלע עמעסן...

דער מענטש גופע איז דאך — אלעס:
בערג צעקרישלען זיך,
טעמפלען, פעסטונגען,
ווערן אויף פראך — צעשמעטערט...

צייט קייעט און פרעסט אויף אלץ.
פאוואלינקע אבער — זיכער!
בלויז דער מין — מענטש —
איז אייביק ——— מענטש.

זשול ווערנע אין אידיש

אַ, וואונדער וואָס קינדער אַפילע קענען
גלאַט שוין גלייכגילטיק ניט גלויבן,
אָבער אידן, אַ וואונדערדיק פאָלק זיינען —
קוויקן זיך איצט נאָך מיט זשול ווערנע'ס „טרויבן".

לאָרדן, מאַרקיזן, באַראָנען און הערצאָגן
ריידן אין אַ אידיש ווי די מלאָכים צו אווראָמען.
ס'איז גנעדיקע, זעליקע ווערטער — שווער זיי נאָכצוזאָגן,
דען די גוטסקייט פון זיי, גליטשט זיך ווי אַדעליקער זאָמען.

מע רייזט אויף אַלע טיפע יאַמען ביז מ'קומט
צום זעע טאַאופא, לעבן טאַראַניקאַ,
ניט ווייט פון דער טאַנגאַרידאַ וואָס ברומט.
דאָרטן פאַלט מען אַריין צום שייוועט ציקאַפיקאַ.

די דאַמען, דערהויפּט די לידי העלענא,
קען שוין אויף די פיס זיך ניט האַלטן.
מע דערשיסט דעם ווילדן הויפּטמאַן קעאיקענאַ —
דער ווילדער געוואַלט האָט העלענען פאַרגוואַלטן.

די עראָפּייער זעען־צו ווי די ווילדע
פרעסן אויף זייער הויפּטמאַן — ווי באַלאָניע.
ווי זיי שפּרינגען פאַרן אָפּגאָט גואיאַטילדע
טאַנצן, בויגן זיך אויף קני און דאַלאָניע.

דער פּראָפעסאָר דערקלערט די בריוולאַד
(געפונענע אין פלעשער) און פּשעטלט נאָכאַמאָל:
"ער פילט דאָז זיין אירטום איסט אונפערגיבליך"
דאָך שפּרינגט ער אויף מיט שטוינענדיקן ווידערקאָל.

מע הערט אים אויס ווי פּאַרצייטן — אַ גראַמאַפאָן...
אַלע זיינען איצט מאַסקים אַז נאָר אַזוי מוז מען טאָן:
זאָגאָר דער לאָרד גלענאַרוואַן איז געשטייפּט ווי אַ דראַנגל —
"נאָך היינט ביי דער נאַכט וועט מען אַראָפּ אין דזשאַנגל."

דער פּראָפעסאָר הייסט פון באַרג צום שייוועט'ס לאַגער־צו
אַראָפּקאַטשען אַ שטיין — אַ גייזער טוט אַ שפּריץ
און אַלע באַגרייפן איצט: דער באַרג איז טאַבו!
בלויז די ווייסע לויפן אַרויף צום סאַמע באַרג־שפּיץ.

פון דאָרט לויפט מען אום גאַנצע נעכט און טעג
אינם פאַרשטיקטן דזשאַנגל ביז מע דערגרייכט דעם יאַם.
דאָס בלוט פּולסירט ביים לעזער ווי אַ פידלדיקע זעג —
ער בעט ביי גאָט: "אַ, זיי אַ מאַמע צו זיי — ניט קיין אַם."

דאָס אַנטלויפן אין צייט אויפן יאַם אין קאַנועס,
איז אומבאַשרייבלאַך. מע דערזעט אַ פּיראַטן־שיף!
אַ, ניין, ס'איז די אייגענע „דונקאַן". קישעף, שונד צי טאָעס —
איבערן לעזער'ס ליידן גייט־אויף די פרייד — זיס און טיף...

נאָר ווידער שפּאַנענד: דעם פּראָפעסאָר ווערט פּלוצלינג קלאָר.
איצט פאַרשטייט ער שוין בעפּייריש ביז־גאָר די בריוון..
„דער קאַפּיטאַן גראַנט געפינט זיך אויפן אינזל קיקעקאָר."
ער האָט עס אַרויסגעלייענט ווי פון געהיימע אַרכיוון ———

און אַז אַלץ האָט זיך גוט געענדיקט מיסטאָם,
לאָזט דער אַוטאָר מערקן ביים סאָף פון זיין באַנד:
„דעם 11טן מאַי 2 אוהר נאָכמיטאָג, נעבן מאַלקאָם,
לאָרד גלענאַרוואַנ'ס אַלטער שלאָס אין שאָטלאַנד,

איסט געשטאַנען איין גראָוסע מענגע, מערסטנס פריינדע,"
ווען מע האָט זיך אויסגערוט, האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט,
געהייראַטעט מערי גראַנד און די גאַנצע געמיינדע
האָט בייגעוואוינט די האָכצייט ווי אַ פאַל פון אַ פּאַראַשוט!

אַ, וואונדערבאַר ביכל! קישעף צי שונד. גייסט פון הענט צו הענט
ווי אַ טוירע! און פעלט אַ בלעטל? פרעגט מען מיט וואוילן כיין:
„וואָס איז געוואָרן פונם העלד, אַ גוטע צי אַ שלעכטע ענד?"
און איז ניטאָ ביי וועמען צו פרעגן? טראַכט מען צו אַליין ———

ע פ י ל אָ ג

טכינעס פון אַ דיכטער

די דאַזיקע פּאַעמע איז געזעצט אָן פּונקטואַציע. בלויז אַ בלאַנקע צווישנטייל פאַרנעמט דאָס פּלאַץ פון די אָנגענומענע פּונקטואַציע־צייכנס. — דער זאַץ איז איינגעטיילט לויטן סיידער און כאַראַקטער פון די סטראָפן — אַראַנזשירט אין פאַרשיידענע גרופּירונגען.

אַ בלאַנקע שורע טיילט אָפּ איין זאַץ פונעם צווייטן און איין סטראָפע פון דער אַנדערער.

אָ גאָט

אָ מענטש

אָ ערד

אָ פּען

אָ שלאָס

דאָס וואָרט גאָט
איז מיר שווער צו זאָגן

טאָ ווער פאַר מיר
מיין פּען

איך וועל פריי
מיין האַרץ אויפמאַכן
פאַר דיר

א פען
מיין האַרץ
אויג
אויער
מאַרד
מיט מיין גאַנץ לייבאונלעבן
ווילן געשליסן צו האָבן אונדזער בונד

ווען דו ביזט נאָך דלאַט געווען
און די וועלט מיט שטיין
פול איז געווען
און פינצטער
האָט אַלצדינג געוויינט נאָך דיר
און איך
נאָכמער פונם אַלצדינג

איך האָב גערופן
צום בוירע
צום גייסט
צום סאַטן
צום גאָט
צום מיילעד
צום הערשער
צום ברודער
צום מענטש

אַלע ווי איינער זיינען געקומען
מיט פרייד
נאָר מיט פייער
א וועלט
מיט פרייד
נאָר מיט פייער
א וועלט
מיט פרייד
נאָר מיט פייער
א וועלט

אָ גאָט
איך וועל דיך אָנרופֿן פּ ע ן

סאיז איצט מאָשיאַכס צייט
און ער וועט אַזוויווי בּיז איצט
אויך קיינמאָל
אין דיין נאָמען ניט קומען

זאָל ער אויף אימער און אימער
ניט קומען

מיר אייביקן זיך אין אים
דעם מאָשיאַך

מאָשיאַך און צייט
צייט אין מאָשיאַך
מיר אין דער צייט

צייט אין דער פּען
און אַלץ
אין פלאַם און אין מאַבּל

אין פייער פון מאַבּל
אין פייער פון מענטש
מענטש איז
פייער
מאַבּל
פּען
וועלט

אָ וועלט
איך וועל דיך אָנרופֿן ע ר ד
ו ו ע ל ט איז ניט דיין ריכטיקער נאָמי

ע ר ד איז ה י י ם
און וועלט איז ד ר ו י ס ן

טאַלאַם איך דיך אָנרופֿן ע ר ד

אַ ע ר ד
סאיז אונדז קאַאַלט
לעכצן מיר
נאָך אַ וואַרעמער ערד

אַ ע ר ד
סאיז אונדז שלעכט
בייִנקען מיר
נאָך אַ רואיקער ערד

סע צעגייט דאָס זאַלץ
פֿון דער וועלט
אין אונדזער אויגנעס
מיט בלוט פֿון בלוטן

ווילן מיר אַ טרוקענע ערד

סאיז אונדז ווייטיקדיק
פֿון אייגענער רישעם

קענען מיר ניט וויסן
וואָס פֿריער צו וועלן

אַ פּ ע ן
ווען דו ביזט נאָך
פֿעדער געווען
האָט כאַלעם געלעבט
אויף דער ערד

כ אַ ל ע ם
כ אַ ל ע ם

דאָס שווערסטע
האָסטו געמאַכט ווי אַ פֿעדער

וועז איין פּונקט דיינער
האָט געשטאָכן דאָס הארץ
האָט דער צווייטער געצערטלט
די פאַנטאַזיע

ביזט געווען שייגעליימעלער
כאָכעם
באַליויעץ
און הויפנאַר

דער איקער
האָסט געכבאַלעמט דו פליסט ווי אַ פּעדער
צו דער הויך
און נאָך העכער

איצט ביזטו הוילע פּען

בלעכענע

שטאָלענע

גאָלדענע פּען

אָבער בלויז

הוילע פּען

ניטאָ שוין פאַר אונדז
ניט קיין וואונדער

ניט קיין ניסים

ניט קיין יאַנטעף
און אַפילע ניט קיין פּאַשעטע וואָד

מיר זיינען רישעסדיקע קינדער
מיר זיינען קראַנקע קינדער
און אויב מיר שמייכלען אַמאָל יאָ
איז עס נאָר פון פיבער

אַ פּען
דו בלויז ביזט די איינציקע
וועמען איך וועל פאַלגן

היים מיר זאָגן ג ל ו י ב ן
און איך וועל זאָגן

טאַטע און מאַמע
וועל איך זאָגן
אויב ווייסט היימן

כוועל אפילו זאָגן ל י ב ע
אויב ווייסט היימן

היים מיר זאָגן מ ע נ ט ש
און ווי גרינג איך וועל זאָגן

אַ פּען

גיב מיר צוריק אָפּ
אַדעם שיינעם כאַלעם
און איך וועל גלויבן
גלויבן
גלויבן

איך וויל גלויבן
נאָר דו מוזט עס מיר היימן

ביזט דער לעצטער גאָט מיינער
און איך
דיין לעצטער קנעכט

א מענטש

ווען דו דערפילסט זיך איינציק
אליין
און מיזערנע

ווען סאיז דיר שלעכט
און א פינצטערניש
אויף דיין געמיט באפאלט

זאג אט דאס וואס איך
זאג איצט צו דער פען

סאיז מיר שלעכט
שלעכט
שלעכט
און שטענדיק וועט זיין
א מ י ר
וואס שלעכט וועט אים זיין

ווייל דער יאם
וועט אימער גרייט זיין
צו צעשפאלטן א שיף

און דער ווינט גרייט זיין
וועט טאמיד
צו פארניכטן אונדזער ארב

היינט דער דונער
און דער בליץ
און דער מאבל
זיינען גרייט
שטענדיק צו פאלן אויף אונדז
איבער אונדז
אין אונדז

אַ אונדזער פֿאַרניכטונג איז גרויס
אַ וואָס איז בוים קעגן דעם
וואָס איז שטיין קעגן דעם
אַ וואָס איז כּאַיע קעגן דעם
וואָס איז מענטש קעגן דעם
און וואָס איז אַלצדינג קעגן דעם

אַ פּ ע ן
וואָס איז אַט דאָס
וואָס אַלע האָבן עס שוין געפֿרעגט
און קיין ענטפֿער דערויף
נאָך ניט געקראָגן

פֿאַרוואָס איז די שטראָף
צו פֿרעגן אַלץ די זעלבע פֿראַגע
אויך אויף מיר כּאָל

וואָס בין איך
ווער בין איך
וואו בין איך
פֿון וואַנענד
וואוהין
צו וואָס
וועל איך שוין מער
קיינמאָל ניט פֿרעגן

איך בין שטענדיק אַ איצטיקער
דעם פֿריערדיקן דערקען איך ניט
איך בין שטענדיק אַ דאָאיקער
דעם שפּעטערדיקן
וועל איך שוין קיינמאָל ניט זען

מע האָט זיך געווענדט
אויף צוריק
און אַ טהאָם
האָט זיך געעפֿנט

איז פּאַרוים
און אינפיניטיווע שלעסער
האַלטן אַלץ פאַרזיגלט

מע האָט געפרעגט
און ש ל אָ ס
איז דער ענטפער

מע פרעגט
און שלאָס אויף שלאָס
איז דער ענטפער

מע וועט פרעגן
און שלעסער אויף שלעסער
וועלן זיין די ענטפערס

אָ פּ ע ן
איך בין שוין קראַנק פון פרעגן
איך בין שוין אַליין אַ שלאָס
אַ פאַרקאָווערטער שלאָס

אַמאָל האָב איך געשריגן
נאָר איך האָב אויפגעהערט

כהאָב געלאַכט
נאָר דערנאָכדעם
געמוזט פאַרבייסן מיט געוויין

איצט וועל איך שוין
ניט שרייען
ניט לאַכן
ניט וויינען

בלויז זיך ראַנגלען
צו ווערן אוים ש ל אָ ס

דער וואָס האָט מיך געשלאָסן
האָט ניט געהאַט דאָס רעכט
אַזוי מיך צו שליסן

אַ איך בין ניט קיין וואַסער
וואָס מוז זיך גיסן

איך שטעל זיך אָפּ
איך וויל ניט סטאַם פליסן

כוויל אויך קוקן אויפן שטראָם
איך בין דער איינציקער
אַ איך
ניט קיין גאָלע שטראָם

איך גיי קעגן שטראָם
און אויב מיט אים
בין איך אַלץ
א א י ך

אַ
לאָז מיר נאָר געלונגען
אַראָפּצעוואָרפן דעם שלאָס
און אוים וועט ווערן
מיט מיינע געהענעמדיקע פראַגן

אַ פּ ע ן
איך וויל זיך אַנטפּלעקן פאַר דיר

איך וועל זיך אַנטפּלעקן פאַר דיר
אַפילע איך זאָל האָבן אויף זיך
צענדליגג
הונדערט שלעסער

דאָס איינציקע וואָס מיר
איז נאָך פֿאַרבליבן געווען צו זיין
ביזטו

דאָס טייערסטע אין מיין לעבן
צו דערגרייכן פֿולקאַם
ביזטו

נאָך דיר וועט שוין קיינער
ניט קענען מיך געווינען

כוועל שוין זיין
אויף אייביק פֿאַרסאַרפֿעט

איצט פֿיל איך
סאיז נאָך דאָ גלויבן
אין מיר

איצט גלויב איך
סאיז נאָך דאָ אַן עמעס
אין מיר

איצט באַגרייף איך
אַז שענער פֿון אַלץ
איז צו זיין גלויביק
און עמעסדיק

אַ פּ ע ן
איך וויל זיין גלויביק
און עמעסדיק

נישט געקליגלט

נאָר איך טאָר ניט

מע האָט מיר געלערנט סייבלדיק
צו זיין גלויביק און עמעסדיק

אָבער איך קען עס ניט

ערשט ווען איך בין דורכגעגאַנגען
מיין קורס אינם לעבן
האָב איך דערפילט

אַז ניט נאָר דאַרף איך ניט וועלן
אַט דאָס
און ניט נאָר
האָט מען עס מיר נישט געדאַרפן לערנען

וואָרום איך אַליין בין עס

ביידע מידעס
זיינען טיף אין מיר
סייוויסיי

איך בין געבאָרנגעוואָרן צו זיין
גלויביק און עמעסדיק

נאָר יעדער ניי סייבלדיק
ביסל וויסן וועגן דעם
האָט זיך אויפגעהאַנגען
ווי אַ שטומער שלאָס אויף מיר

איצט ליגט גלויבן און עמעסדיקייט
אונטער גאַלע שלעסער
ביי מיר

גלויבן און עמעס
מיין וואונדערלאַכער פּאַלאַץ

אַליין װעל איך מוזן
אַלע שלעסער אויפמאַכן
צעלאַמען
צעברעכן
צעקרישלען

פֿריי זאָל װאַקסן
מײַן לעבעדיקער גאָרטן
פֿריי פֿריי

און אַ דאָ האָט מײַן מויאַד
זיך גענומען שטאַרקן
און געפֿרעגט

װער האָט פֿאַרפּלאַנצט דײַן גאָרטן

װער היט אָפּ דײַן גאָרטן

אַ גאָרטן דאַרפֿמען קולטיװירן

האָט מײַן האַרץ אָפּגעענטפֿערט
מיט אַ באַשטימטער באַשלאָסנקייט

װי אַן אויפֿשטייער קעגן אַ באַדריקער
האָט עס גערעדט

אַליין האָט זיך דער גאָרטן פֿאַרפּלאַנצט

אַליין היט ער זיך אָפּ

און קולטיװירט װערט ער פֿון דער צײַט

דאָ האָט דער מויאַד זיך װידער געשטאַרקט

און נאָכאַמאָל געפֿרעגט

איך פֿאַרשטיי ניט

איך קען עס ניט באַגרייפֿן

מיט מיין גאַנצן סייכל
קען איך עס ניט באַנעמען

האָט מיין האַרץ געענטפֿערט
אין אַ באַדויערונג

ניט צום פֿאַרשטיין
און ניט צום באַגרייפֿן
מיטן בלויזן סייכל
איז דאָס זיין פֿון מיין גאָרטן

זיין עקזיסטענץ איז ניט
צוליב עפּעס אַ כעשבן

בלויז פֿילן קען מען
דאָס זיין פֿון מיין גאָרטן

און פֿילן קען ניט אַ דער
וואָס איז אונטער שלעסער

אַ פּ ע ן
שלים מיך אויף

איך וויל זיך אַנטפּלעקן

אַנטפּלעקן ווי פֿאַר אַ איינאונאיינציקן

פֿאַר זיך
פֿאַר דיר

אַ פּ ע ן

אינהאַלט:

אינם לאַנד פון די יענקיס — — — — — — — — — — — — 7
איינער פונם דרויסנדיק וועלט־צימער — — — — — — — — — 8
אַראָפּקראַצן די פּירערשאַפט — די קרעציקע פּאַרענטש — — — 9
פון יענקי־לאַנד צו בירא־לאַנד — — — — — — — — — — 24
אונדזער פּרעזידענט שמייכלט — — — — — — — — — — 30
אונדזערע רייד — — — — — — — — — — — — — — 31
דער דיכטער איז אויך אזוי — — — — — — — — — — — 32
(מיין פריינט דעם סקולפּטאָר אַלעקסאַנדער פּאָרטנאָף)
מיין טיש איז געגרייט — — — — — — — — — — — — 40
מיר דאַרפן פאַרב פון קלאַנג — — — — — — — — — — 41
מיר — — — — — — — — (ל. מאַטעסן) — — — — — — — 42
מוישע לייב — — — — — — — — — — — — — — 43
א שיקאַגער פּאָעט — — — — — — — — — — — — 46
אַמאָליקע פּאָעטן — — — — — (שלוימע שוואַרצן) — — — — 47
ניויאָרק פּרילינג צייט — — — — — — — — — — — 48
די אַלטע שיינע סאָסל און די ווילנער גאָענטע — — — — — 48
יעזוס — א ראַכמאָנעס נעבעך — — — — — — — — — 49
פּאַלצעטאָ פּאַנטאַזיוס — — — — — — — — — — — — 50
דו שטאָט נויאָרק — — — — — — — — — — — — — 50
ק ל אַ ס י ש — — — — — — — — — — — — — — 51
מיקי מויז קריגט א באַפעל פון זיין פּאָלק — — — — — — — — 52
צום מאַן מיטן שוואַרצן קוימען אַפן קאָפּ — — — — — — — 54
מיקי מויזיס פּאַמיליע — — — — — — — — — — — — 55
מיקי מויזיס פּאַמיליע עסט וועטשערע — — — — — — — — 56
מיקי מויז דער אַקטיאָר — — — — — — — — — — — 58
א סצענע מיט מיקי מויז דעם אַקטיאָר — — — — — — — — 59
די קאַפּעליע שפּילט און דער עולם — טאַנצט — — — — — 60
מיטשקי דריטשקי — די קאַץ — — — — — — — — — — 61
די אַלטע וועלט־דראַמע — — — — — — — — — — — — 64
זכוסאָוועס — — — — (מיין מאַמען) — — — — — — — 79

אין דער וועלט אריין — — — — — — — — — — — — 82
טינקל־טונקל, טונקל־טינקל — — — — — — — — — — 83
מיין קריסטלאַכער שאָכן — — — — — — — — — — — 84
האָריזאָנטישקייט — — — — (פעסי הערשפעלדן) — — — — 87
דאָס לעבן איז קראַנט — — — — — — — — — — — — 88
אונדזער שטענדיקער געזאַנג — — — — — — — — — — 89
באַנגלאַקן — — — — — — — — — — — — — — 92
אַרום זעכצענטע גאַס — — — — — — — — — — — — 95
ניו יאָרק — זשאַרגאָנישע שטאָט — — — — — — — — — 98
מיר (פּרעליודע) — — — — — — — — — — — — — 100
וואַסער־צויטן — — — — — — — — — — — — — 101
פלאַם־צויטן — — — — — — — — — — — — — 101
ביינערנע עכאָס — — — — — — — — — — — — — 102
פּיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ — — — — — (ש. מאַרמאַרן) — — — — 110
טויט־שטראָף — — — — — — — — — — — — — — 111
ביקסוס — — — — — — — — — — — — — — 112
עקצע האָמאָ — — — — — — — — — — — — — — 113
דאָס געוויין פון מיינע פאַרפּײַלטע נעגל — — — — — — — 117
אין אַ מאָנטיק — — — — — — — — — — — — — — 121
אימפּרעסיע — — — — — — — — — — — — — — 123
איזאַדאָראַ דאָנקאַן — — — — — — — — — — — — — 125
וואָס זאָל מען טאָן, כאַווער מאַטעס? — — — — — — — — 126
די באַלאַדע פון מיינע קינדער — — — — — — — — — 127
דער קוואַרטעט — — — — — — — — — — — — — 131
מענטש — גאָט דער אויווער באָטל — — — — — — — — — 132
פאַני סעקס — — — — — — — — — — — — — — 133
פאַני סעקס זינגט — — — — — — — — — — — — — 134
פאַני גאָט — — — — — — — — — — — — — — 135
טריאָלעטן — — — — — — — — — — — — — — 137
שטעלט זיך אויף — טויט איז דאָ — — — — — — — — — 138
פאַני טויט — — — — — — — — — — — — — — 139
RUSH — — — — — — — — — — — — — — 140
פאַני מענטש — — — — — — — — — — — — — — 141
זשול ווערנע אין אידיש — — — — — — — — — — — 143
טכינעס פון א דיכטער (עפּילאָג) — — — — — — — — — 145